בעזהשי"ת

# קול תורה ויראה

ארויסגעגעבן דורך:
ישיבה תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר
וויליאמסבורג

צייטליכע אויסגאבע, געווידמעט מיטצוטיילן די תומכים ונדבנים איבער נייעס, אינפארמאציע, און אנטוויקלונגען, אינערהאלב די מוסדות הקדושים

• חודש אדר תשע"ב לפ"ק •

#91

לאס אנדזשעלעס אונטערן רושם פונעם קורצן באזוך פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א — 20




בליץ באזוך פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א אין מיאמי פלארידא לטובת מוסדותינו הק' — 22



והבית בהבנותו:
מאסיווער פיילינג פראצעדור ביים שטח בית רחל החדש אין פולן קראפט — 4



והראינו בבנינו:
איבערבליק פון דער ערשטער פאזע בוי-ארבעט ביים בית רחל החדש — 6



ושמרתם מאוד לנפשותיכם:
איבער הונדערט באס דרייווערס ביי פערעט סקול באס סעיפטי מיטינג אין די זאַלן פון ויואל משה — 12




איש את רעהו יעזורו:
שטארקער קשר צווישן הנהלת מוסדותינו הק' מיט די ניי-געגרינדעטע סאטמארער מוסדות אין בארא פארק — 10



קומענדיגע 3 וואכן ביז פסח איז געווידמעט פאר'ן יערליכן "ביומו תתן שכרו" קאמפיין — 2

ביומו תתן שכרו

וימי הפורים האלה לא יעברו:
פורים קאמפיין צווישן תלמידי ישיבה קטנה וצעירים ברענגט שטויינענדע רעזולטאטן — 3



# קומענדיגע 3 וואכן ביז פסח איז געווידמעט פאר'ן יערליכן "ביומו תתן שכרו" קאמפיין

**הנהלה ערווארט מאקסימאלער אנשליסונג פון די דריי טויזנט הורי המוסדות שיחיו און ברייטהארציגע שטיצע פון אלפי אנ"ש תומכים ונדיבי עם כדי צו קענען אויסצאלן דאס געהאלט פון אלע כלי קודש**

מחיל אל חיל, האלטענדיג אינמיטן ציילן די אריינגעקומענע געלטער פונעם נארוואס געוועזענעם 'פורים קאמפיין' פון די אלפי תשב"ר ובחורי ישיבותינו הקדושות, איז שוין די הנהלה העפטיג אריינגעטאן אינעם יערליכן בעפאר-חג-הפסח-קאמפיין אונטערן ברייט-באקאנטן נאמען "ביומו תתן שכרו", וועלכער ווערט שוין היי-יאר פראקלאמירט צום דרייצענטן מאל, אין די שלשים יום קודם חג הפסח, געווידמעט צו דעקן דאס געהאלט פון די קרוב צו טויזנט איינגעשטעלטע צום בעפארשטייענדען יו"ט פסח הבעל"ט.

דער 'ביומו תתן שכרו' קאמפיין איז ווי דער "מעות חיטים" קאמפיין וואס אנדערע מוסדות און מפעלי החסד נעמען אונטער אין די איצטיגע וואכן צוצושטעלן פאר'ן ציבור, ביליגע מצות, פלייש און וויין און פארשידענע אנדערע פראדוקטן און שטאפיר אויף פסח, וואס ווערט נתנדב דורך דאס גוט-הארציגקייט און נדבות לבם הטוב פון טייערע אידן, דאס זעלבע געבן די מוסדות א געלעגנהייט פאר'ן ציבור צוהעלפן לינדערן דעם פינאנציעלן עול פון די געטרייע הנהלת הישיבה, און אזוי ארום וועלן זיי ערמעגליכט ווערן אויסצוצאלן דאס ערליך פארדינטע געהאלט וועלכעס קומט זיך פאר די איינגעשטעלטע וכלי קודש שיחי', אז אויך זיי זאלן קענען אריינברענגען דעם יו"ט מיט פרייליכע הערצער און אפרעכטן דעם זמן חירותינו מיט א רואיגן געמיט.

די געטרייע חברי ועסקני הישיבה דארפן אין די קומענדע וואכן אויפטרייבן די פאנטאסטישע סומע פון אומגעפער צוויי און אהאלב מיליאן דאלאר, וואס דאס איז בייליפיג דער סכום וואס דארף אריינקומען אין די קאסע פון די מוסדות, כדי צו קענען אויסצאלן אלע קרוב צו טויזנט איינגעשטעלטע, מלמדים, לערערינס, מנהלות און מחנכות, ביזן יו"ט פסח הבעל"ט. און אין צוגאב דערצו אויך מוסיף זיין א 'מתן שכרו בצדו' פון ווערדפולע באָנוסן און געשעפט סערטיפיקאטן איינצוקויפן די צרכי החג פאר דיסקאונט פרייזן וואס יעדער קען זיך ערלויבן.

דעריבער ערווארט די הנהלת הישיבה אז אלע קרוב צו דריי טויזנט עלטערן הורי מוסדותינו הק' בליעה"ר, און גלייכצייטיג די פילע טויזנטער אנ"ש שיחי' וויליאמסבורגער איינוואוינער, וועלן נאכאמאל באשיינפערליך איבערצייגן דעם "ישראל קדושים נתבעים ונותנים" און זיך אנשליסן אינעם היי-יאריגן מעות חיטים קאמפיין, ובעין יפה וברוח נדיבה תורם זיין זייערע ברייטהארציגעביישטייערונגען לטובת מוסדות סאטמאר, און אזוי ארום וועט מען האפענטליך קענען, ווי אין די פארגאנגענע יארן, דערגרייכן דעם ענגילטיגן קאמפיין-ציל און אויסצאלן אלע כלי קודש מרביצי תורה במוסדותינו הק'.





# 'אסיפת גבאי ישיבותינו הקדושות' פארגעקומען זונטאג נאכט פ' תשא בביתו נאוה קודש פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

אין בעפארברייטונג צום 'פורים קאמפיין' אין די ישיבות איז פארגאנגענעם זונטאג פ' כי תשא העעל"ט פארגעקומען אן אסיפה אין ביהמ"ד ברך משה בביתו נאוה קודש של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, וואו אלע בחורים גבאי הישיבות, וואס האבן גענומען אויף זיך די הייליגע אויפגאבע אנצואווארעמען זייערע חברים אין זייער סניף אריינצוברענגען וואס מער געלט פאר די מוסדות הקדושים בימי הפורים, זענען זיך צונויפגעקומען איבערשמועסן מיט די עסקני המוסדות אלע פרטים און איינצלהייטן אנבאלאנגט די פורים אקציע, און איבער פארשידענע אופנים ווי אזוי מען קען אנקומען צום ענדגילטיגן ציל.

נאך די אסיפה וואס איז אריבער מיט א געוואלדיגע הצלחה, זענען די גבאים אריין אל הקודש פנימה צו מרן רבינו שליט"א, וואו די גבאים האבן זיך מיט א יראת הכבוד ארומגעשטעלט ארינגס און ארום כשתילי זתים סביב לשלחנו, צו נעמען ברכות קדשו פון רבינו שליט"א.

עס האט צו ערשט גענומען דאס ווארט העסקן הנמרץ מו"ה יצחק אייזיק דאסקאל הי"ו, וואס האט ארויסגעברענגט דאס חשיבות פון די גבאי קודש וואס גיבן זיך אוועק פאר די מוסדות הק'. בפרט יעצט קומען זיי צו הילף פאר מרן רבינו שליט"א וואס איז אין די לעצטערע וואכן שטארק בייהילפיג ארויסצושלעפן די מוסדות פון איר שווערן פינאנציעלן מצב צוליב א לאנג פארצויגענער לעגאלער שטרייט מיט די רעגירונג. ר' אייזיק הי"ו האט נאכגעזאגט דערביי עטליכע מאמרים פון מרן רביה"ק זי"ע איבער דעם ענין אז די מוסדות קען זיך נישט האלטן בלויז פון די געלטער פון גבירים מען דארף אויך אנקומען צו נדבת כל אחד ואחד.

דערנאך האט דער רבי שליט"א געזאגט דברי ברכה פאר די גבאים און זיך באצויגן אויף די משנה אין אבות "ארבע מדות בהולכי בית המדרש" און האט מדייק געווען די לשון "הולכי" פארוואס שטייט נישט יושבי בית המדרש, נאר כדי צו קענען שטייגן בעבודת השם, לערנען און דאווענען און אויסוואקסען ערליכע אידן תלמידי חכמים, דארף מען אויך אנקומען עוסק צו זיין בצדקה וחסד און זיין פון די "הולכי בית המדרש", און האט זייער ווארעם אנגעוואונטשן פאר די עסקנים אז זיי זאלן מצליח זיין אין זייער אויפגאבע.

דער רבי שליט"א האט נאכדעם געגעבן 'הצלחה געלט' פאר אלע גבאי קודש, ווי דער רבי זי"ע האט זיך שטענדיג געפירט צו געבן הצלחה געלט פאר ווען ער האט געשיקט גיין נאך געלט, דאס איז געווען דער אנערקענונג פאר די גבאים וואס זענען נושא בעול אינעם קאמפיין, און גלייכצייטיג א ברכות הקודש אז די בחורי חמד זאלן טאקע מצליח זיין און קענען שאפן באדייטענדע סכומים.

די הנהלת הישיבה האט באזונדער געטיילט א מזכרת פאר אלע גבאים, א קונטרס מגילת אסתר, מיט א ליקוט פון מדרשים, אגדת חז"ל און הלכות פורים, אלס אנדענק פון די אסיפת בבית רבינו שליט"א.




## מאסיווער מאביליזאציע צווישן תלמידי ישיבה קטנה וצעירים צו 'גיין נאך געלט' בימי הפורים ברענגט שטויענדע רעזולטאטן

**די ימי הפורים ווערט יאר יערליך אויסגעניצט דורך די אלפי תשב"ר ובחורי חמד תלמידי ישיבותינו הק' צו גיין נאך געלט פאר מוסדותינו הק' אין וועלכן די אלפי תשב"ר ובחורי חמד ווערן נתחנך און נתעלה בתורה ויראת שמים ומידות טובות, דעריבער איז מען אינעם ביורא פון מוסדותינו הק' אין די וואכן פאר פורים געווען שטארק פארנומען מיט אינטענסיווע פארברייטונגען אפצורעכטן א דערפאלגרייכער קאמפיין וואס זאל אריינברענגען באדייטענדע סכומים פאר די מוסדות.**

**באזונדער האט מען צווישן די תלמידי ישיבה קטנה וצעירים היי-יאר אריינגעלייגט אומגעהויערע כוחות אנצושליסן וואס מער בחורים צו גיין נאך געלט בימי הפורים פאר מוסדותינו הק'. די הנהלת הישיבה האט פראקלאמירט א גראנדיעזן קאמפיין אונטערן נאמען "בחודש שנים עשר", אין פארזעצונג צום סוקסעספולן 'שנים עשר קאמפיין' וואס איז געלאפן פאר'ן היי-יאריגן דינער השנתי כ"א כסלו, וואס האט אריינגענומען אין זיך עטליכע באזונדערע צווייגן, צו פינאנצירן די לעצטיגע גרעסערע אויסגאבעס און עס איז געגעבן געווארן א געלעגנהייט פאר אנ"ש ארויסצוהעלפן אז מ'זאל נישט דורכדעם פארוויקלט ווערן אין א פרישן קייט פון חובות.**

**אין יעדן אפטיילונג איז אויפגענומען געווארן בחורים גבאים וועלכע געבן זיך אפ מיטן אויפארבייטן זייערע חברים מיט גרעסערע סכומים לטובת די מוסדות, די גבאי הישיבות זענען געשטאנען אין פארבינדונג מיט די עסקני המוסדות און עטליכע מאל אראפגעקומען צום אפיס אויסצושמועסן מיט די חברי וועד הפועל און עסקני הישיבות, אלע פרטים אין צוזאמענהאנג מיט'ן קאמפיין כדי עס זאל געקרוינט ווערן מיט'ן גרעסטן הצלחה וואס מעגליך.**

**די רעזולטאטן האבן נישט געשפעטיגט און געברענגט א שטויענענדע הצלחה וואס האט טיף איבערראשט די הנהלה מיטגלידער, מ'האט פילפאכיג פארטאפלט די הכנסות פון די לעצטערע יארן. אויך היי-יאר האבן זיך די תלמידי ישיבה קטנה וצעירים געהאלטן פעסט אנטשלאסן אויסצופאלגן די תקנה פון רבי'ן שליט"א נישט צו פארן מיט קיין מאבילס צי אנדערע טראנספארטאציע מיטלן, נאר זענען איינפאך געגאנגען נאך געלט מיט איינס פון די גרופעס מטעם הנהלת הישיבה, אדער מיט א חבר צוויי, און אזוי ארום באוויזן אריינצוברענגען די קאלאסאלע געלט סומע פאר'ן בירא דשתית מיני' מיא.**

**אזוי ווי דער פורים קאמפיין סלאגאן איז געווען באזירט אויף 'הכרת הטוב' וואס די הנהלת הישיבה פארדינט זיך מצד די תלמידים החוסים בצילה טוט די הנהלת הישיבה זיך אויך פארפליכטן צו טאן דאס זעלביגע, במידה שאדם מודד מודדין לו, און עס ווערט אראנדזשירט א "יום הכרת הטוב" פאר אלע בחורי חמד וואס האבן אריינגעברענגט $300, א גאר גייסטרייכער נסיעה איבער די מקומות הקדושים אין אמעריקא וואס וועט ביי אלעמען פארבלייבן אין די ביינער אויף א לענגערע צייט. גלייכצייטיג וועלן אלע בחורים וואס האבן אריינגעברענגט די סומע פון 180 דאלאר און העכער באקומען אלס "מתן שכרה בצדה" גאר ווערדפולע באלוינונגן און געשאנקן.**

ספעציעלער "מה טובו אהליך" באריכט:

# מאסיווער פיילינג פראצעדור ביים שטח בית רחל החדש שוין אין פולן קראפט

## ערשטע פאזע איסצוזיבערן און אויספלאסטערן די ערד פארענדיגט בכי טוב - דאס אריינהאקן די שטאלענע פיילס וועט בעזהשי"ת אנגיין ביז פסח – קומענדיגער שטאפל, גיסן דער מעכטיגער צעמענטענער פונדאמענט

מיט פרייד ווערט געמאלדן די פריידיגע הרחבת גבולי הקדושה פרישער אנטוויקלונג, אז אנגעפאנגען פון ר"ח שבט העעל"ט האט מען בשעטו"מ צוגעטרעטן צום צווייטן שטאפל פון די בוי-ארבייט ביים שטח בית רחל החדש, מיט'ן אנפאנגען דער פיילינג פראצעדור. דאס איז דער פראצעדור פון אריינהאקן שווערע שטאלענע ביעמס אריבער זעכציג פוס טיף אין דער ערד, און אויף דעם וועט מען ארויפגיסן א צעמענטענעם פלאטע וואס דערויף האלט זיך דער גאנצער בנין.

דער ערשטער שטאפל אין דעם פראצעדור איז אנגעגאנגען בערך דריי וואכן, ווען מ'האט אריינגעדרילט א ריי פיילס וועלכעס ווערט גערופן "טעסט פיילס", און מ'האט דערנאך געמאכט פארשידענע טעסטונגען אויף די פיילס כדי צו וויסן גענוי פארשידענע איינצלהייטן בנוגע דאס אריינדרייוון די פיילס אינעם באדן, און דערנאך האט מען בעזהשי"ת אנגעפאנגען אריינצוהאקן די הונדערטער פיילס אויף א מאסיוון פארנעם איבערן גאנצן שטח, און די ארבעט זעצט פאר אומאויפהערליך טאג טעגליך.

דער גאנצער פיילינג פראצעדור וועט האפענטליך דויערן אומגעפער ביז חג הפסח, אזוי האפט מען אז באלד נאך פסח צייט וועט מען שוין קענען צוטרעטן צו שטאפל נומבער דריי און אנהייבן גיסן דעם מאסיוון צעמענטענעם סלעב, וואס וועט זיין דער יסוד און גרונד פאר'ן בנין בית רחל החדש וועלכעס וועט בעזהשי"ת זיין דער אכסניא פאר די סאטמארער הויעך-שולע עד ביאת הגואל.

פאלגט נאך מיט ערווארטונג ווייטערע באריכטן איבער די בוי פאזעס אויפן שטח בית רחל החדש.





ביים דורכפירן דעם טעסט צו וויסן גענוי וויפיל וואג די פיילס וועלן קענען דערהייבן



אנצייכענענדיג דעם שטח וואו אריינצוהאקן די פיילס



ביים מישן צעמענט אריינצוגיסן אין די פיילס





די העפטיגע ארבעט גייט אן ביים פיילונג פראצעדור





מען שניידט אראפ די איבריגע שטיקער וואס שטעקן זיך ארויס פון דער ערד





די מאסיווע ארבעט ריקט זיך פאראויס טאג נאך טאג מיט גרויס פלייס און אייפער

# איבערבליק

## פון דער ערשטער פאזע בוי-ארבעט ביים בית רחל החדש

מען האט שוין ב"ה אין א מזל'דיגע שעה פארענדיגט די ערשטע פאזע פון די מאסיווע בוי-ארבעט אויפ'ן שטח בית רחל החדש אויף העריסאן עוועניו קארנער וואלעבאוט, וואו די ארבייט האט פארגעזעצט אין די לעצטערע חדשים מיט'ן גאנצן אייפער און טעמפא אויסצוזיבערן און אויסצוגראדן די ערד פונעם גאנצן דרייסיג-טויזנט-קוואדראט פוסיגן באדן, עס צו מאכן רייף צו קענען פאראויס גיין צום נעקסטן שריט, דער פיילינג פראצעדור אריינצוהאקן די פילצאליגע פיילס.

דעריבער דארף מען זיך עטוואס קאנצעטרירן איבערצוגעבן פאר אונזערע ליינער א שטיקל רעפעראט וואס די ארבייט האט אריינגענומען אין זיך, די אלע קאמפליקאציעס און שוועריגקייטן, וואס מ'איז אריבער און מ'האלט שוין ב"ה א שטאפל ווייטער אין א מזל'דיגע שעה.

### כל התחלות קשות - אויסגעזויבערט און אויסגעגלייכט דעם באדן

דער כלל פון כל 'התחלות' קשות האט שטארק געגילט ביי די ארבייט אין די לעצטערע חדשים ביז אהער וואס איז געווען גאר א קאמפליצירטער און קאסטבארער פראיעקט, וויבאלד די DEC , דער דעפארטמענט וואס איז דורך דער רעגירונג געשטעלט אויף דעם אנגעלעגנהייט, האט פארלאנגט אן א שיעור סענסיטיווע פראצעדורן און פארלאנגען וואס די הנהלת הישיבה האט געמוזט נאכקומען כדי צו קענען דורכגיין דעם שטאפל פון די עבודת הקודש, היות די ערד איז באצייכנט געווארן אלס קאנטעמינעטעד ערד. און דאס האט גלייכצייטיג אפגעקאסט גאר אסאך געלט און עגמת נפש, אין די בחינה פון כל התחלות קשות.

אויך האט זיך פארלאנגט אויסצוגלייכן דעם שטח שוה בשוה צו א געוויסער הייך, וויבאלד דער ליידיגער באדן איז נישט געווען אויף אן אייניגער פלאך. אויף געוויסע פלעצער האט מען געמוזט אויסגראדן מיט דריי פוס און אויף טייל ערטער אפילו נאך מער, און אזוי זאל מען פון יענעם לעוול קענען אריינדרייוון די פיילס.

היות דער שטח איז געווארן אנגעצייכנט אלס א קאנטעמינעטעד ארט האט די די. אי. סי. געפאדערט אז סיי וועלכע ערד האט געמוזט ווערן אוועקטראגן זיכערערהייט לויט די פארשריפטן וואס פאדערט זיך פאר אזא סארט ערד, וואס קאסט כמעט דאפעלט ווי א טראק מיט נאטורליכע ערד ווייל דאס ווערט געדאמפט אויף א ספעציעלן דאמפינג ארט. אפגערעדט אז אוועקצופירן א טראק פון ערטער וואס איז געווען קלאסיפיצירט אלס שטארק אומריינע ערד האט אפגעקאסט א הון תועפות, און טיילמאל אזויפיל ווי זעקס זיבן מאל מער ווי א טראק מיט נאטורליכע ערד.

גלייכצייטיג האט זיך פארלאנגט אז יעדע טראק וואס האט אוועקגעפירט זאמד האט געמוזט אפגעוואשן ווערן מיט וואסער, אויף א ספעציעל דעזיגנירט פלאץ וועלכע איז געווארן צוגעגרייט פאר דעם אינעם ליידיגן באדן. טראץ די אלע שוועריגקייטן איז די הנהלת הישיבה נישט געווארן אנטמוטיגט און אנגעגאנגען מיט די ארבייט טאג טעגליך ביז'ן פארענדיגן פולקאם.

בשעת די ארבייט האט מען נאכאנאנד צוריקגעברענגט טראקס מיט ריינע זאמד און איבערגעדעקט דעם שטח מיט א שיכט פון ריינע ערד, און אזוי ארום עוועליוטעד און באלאנסירט עס זאל זיין דעם ריכטיגן ערד-פלאך וואס עס פאדערט זיך לויט די פלענס צו קענען דערויף בויען דעם אויסגעפלאנטן בנין.





ביים אויסגראבן און צוריק אנפילן דעם גרויסן שטח מיטן זויבערע זאמד




ביים צומאלן, און אוועקטראגן די גרעסערע שטיקער וואס איז געפינען געווארן אין דער ערד



דער מאביל פון וואו די ארבעט ווערט אנגעפירט

## ותשועה ברוב יועץ – ריי מיטונגען איינצושפארן איבריגע ממון הקדש

עס איז מערקווירדיג צו באטאנען וואס מוה"ר וואלף ענגלענדער הי"ו דער ממונה מטעם הנהלת הישיבה על מלאכת בית ה' פארציילט, אז דער וועד קרן הבנין האט זיך אינמיטן דערזען אז די די. אי. סי. פארלאנגט פיל שווערערע פאדערונגען אויף די גאנצע ארבעט, וואס האט געדארפט אריינשלעפן אין אבנארמאלע סכומים, און זענען ממש געווארן פארצווייפלט פאר אזא פארלוסט פון ממון הקדש.

עס איז דעריבער אפגעהאלטן געווארן א ריי מיטונגען מיט די די. אי. סי. און מיט די 'לענגאן' פירמע, די קאמפאני וואס פארפיגט מיט די ארבייט אויפן שטח, אין ביורא פון די ישיבה אין אנוועזנהייט פון די גאנצע קרן הבנין קאמיטע, וואו די חברי הוועד האבן קלאר און דייטליך פארלאנגט אן ערנסטער איבערזיכט איבערן גאנצען ענווייראמענטל פראצעדור, און קלאר געשטעלט פאר זיי אז אזוי קען מען ווייטער נישט אנגיין לויט די יעצטיגע אומשטענדן און קאסטן.

נאך עטליכע בראטונגען מיט די פירמע, זענען זיי אויפגעקומען מיט אלטערנאטיוון און גרינגערע טערמינען מיט די ענווייראמענטאלע פראצעדורן, און אזוי האט מען ווייטער פארגעזעצט מיט די פארצווייגטע ארבייט וואס איז בשעטו"מ פולקאם פארענדיגט געווארן אין די לעצטערע וואכן.

עס דארף ארויסגעברענגט לשבח הני תרי צנתרי דדהבא, ערפארענע עקספערטן אין דעם געביט פון קאנסטראקשן, הרבני הנגיד מוה"ר יחזקאל שווימער הי"ו און הרבני המפואר מוה"ר שרגא הירש הי"ו, וועלכע געבן זיך לנצח על מלאכת בית ה' צוזאמען מיט די הנהלת הישיבה און חברי וועד קרן הבנין, זיי ווידמען אסאך שעות פון זייער טייערע צייט צו באגלייטן דעם גאנצן פראיעקט בכלל, און זענען אויך געווען שטארק אקטיוו מיט די פארהאנדלונגען מיט די לענגאן בוי-פירמע, און אדאנק זייערע לייסטונגען איז מען אנגעקומען ביז אהער, הקב"ה ישלם להם שכרם הטוב.



בורא עולם בקנין השלם זה הבנין

## חנוכת הבית – שנת הלימודים תשע"ד לפ"ק

ביים גרויסארטיגן דינער השנתי וסעודת הודאה פארגאנגענעם מוצש"ק כ"א כסלו אין גיגאנטישער ניו יארק סטעיט ארמארי בילדינג האט דער אדמיניסטראטאר מוה"ר חיים יצחק מאנדעל הי"ו ארומגערעדט ביי זיין אויפטריט איבער'ן שרעקליכן פלאץ מאנגל אז היינט צוטאגס זענען שוין אלע בילדינגס איבערגעפילט עד אפס מקום און ס'איז נישטא קיין פלאץ פאר'ן קומענדיגן יאר, ווער רעדט נאך פון ווייטער. און אז מען גיט א בליק אויף דעם עתיד וואונדערט מען זיך אנה יכנס כל הפשתן הזה.

אבער מיט א פאזיטיוון טאן האט ער איינגעמאלדן איבער'ן פראגרעס וואס די הנהלת הישיבה האט אין די לעצטערע מאנאטען געמאכט אויפן בית רחל החדש, אז מ'האלט שוין אינמיטן גראבן די יסודות און מען האפט בעזרת השם צו קענען באנייען דעם בנין החדש צום שנת הלימודים תשע"ד לפ"ק.

ונזכה ונחיה ונראה.







איינס פון די טרעילאר'ס ברענגענדיג די מעכטיגע פיילס

ביים אויספלאסטערן דעם גרויסן שטח צום סטריט לעוועל הייער







ביים אנפאנגען די ערשטע שטאפלען פונעם אינטענסיוון פיילונג פראצעדור

# גוטע גריסן צוריק געהערט איבערן גייסטרייכן "מה טובו אהליך" פעקעדזש

## ארומגעשיקט פאר הונדערטער תומכים ונדיבי עם

אין אפיס פון די מוסדות הק' אין אלגעמיין און ספעציעל די מיטגלידער פונעם וועד קרן הבנין הערן אין די לעצטערע טעג צוריק גאר פאזיטיווע גריסן איבער דעם הערליכן "מה טובו אהליך" פעקעדזש וואס דער "מפעל מה טובו אהליך" האט ארומגעשיקט אויף די פאסט לכבוד חמשה עשר בשבט, פאר אונזערע פילצאליגע נדיבי עם און נגידים שיחי', מיט א ביטע זיך אנצושליסן מיט'ן אפקויפן זכותים און הנצחות נצחיים בבנין בית רחל החדש, ווי לאנג עס איז נאך דא, וכל הקודם זכה.

דער פעקעדזש איז באשטאנען פון דעם אויג-פארכאפענדער בית רחל החדש בראשור, וואו עס ווערן פרעזענטירט אויף א מייסטערהאפטיגן אופן אלע זכותים און הנצחות וואס מ'קען זיך איינהאנדלן אין דעם נייעם געביידע, וואס מ'האט געקענט איבערקוקן מיט ישוב הדעת. און גלייכצייטיג דער קאלירפולער רעפעראט וואס איז געווארן פארעפענטליכט אין איד פרשת בשלח, מיט לעבעדיגע בילדער וואס רעדן מער ווי טויזנט ווערטער, איבער די אנגייענדע ארבעט ביים ריזיגן באדן.

און בייגעלייגט איז געווען א גאר הארציגער בריוו, אדרעסירט צו יעדן נדיב אויף א פערזענליכן אופן, אז היות זיי זענען שטענדיג פון די חשובע תומכים ונדיבים וועלכע ביישטייערן זיך מיט א ביד רחבה וברוח נדיבה לטובת המוסדות, אלזא געט זיי דער וועד קרן הבנין אצינד דער געלעגנהייט צו זיין פון די ראשונים לדבר מצוה זיך צו אויסוועלן מנדבת לבם הטוב איינס פון די פילצאליגע ווערדפולע זכותים און הנצחות אינעם פראכטפולן בנין בית רחל החדש און דורכדעם זיך איינהאנדלן א באדייטענדער זכות נשגב אין חינוך הבנות ע"ד ביאת הגואל.

אויך איז געווען בייגעלייגט א דעטאלירטע ליסטע מיט אלע זכותים און די פרייזן דערפון אויף וואס אנצוצייכענען וואספארא זכות מ'האט



## גוטע גריסן צוריק געהערט איבערן
## גייסטרייכן "מה טובו אהליך" פעקעדזש
## ארומגעשיקט פאר הונדערטער תומכים ונדיבי עם

זיך אויסגעוועלט פון אייגענעם ווילן, אויף וועלכן עס וועט בעזהשי"ת ווערן איינגעקריצט דער נאמען פונעם נדיב און די נעמען פון זיינע קרובים וואס זענען שוין בעלמא דקשוט למזכרת נצח אויף א הערליכן טאוול, כדי די דורות הבאים וועלן שטענדיג קענען ארויפקוקן און גדענקען אז אט די טייערע נדיבים האבן צוגעהאלפן פאר'ן המשכת חינוך בנות ישראל על דרך ישראל סבא.

נאכן זיך באשלוסן אויף סיי וועלכע הנצחה אז מ'איז וויליג דאס אפצוקויפן, איז געווען אן אפציע צוריקצושיקן דעם "זכותים ליסטע מיט א ספעציעלן קאנווערט, אדער האט מען זיך געקענט פארבינדן מיט מוה"ר אהרן הערש פריינד הי"ו, צו לאזן וויסן די החלטה, מיר וועלן אייך בעזהשי"ת פארזיכערן אז דער מקח זאל צושטאנד קומען עצהיו"ט צו אלעמענס צופרידנהייט.

א צאל נגידים האבן נישט נאר געגעבן מאראלישע חיזוק נאר זיי האבן ווירקליך זיך פארבינדן אז זיי ווילן זיך טאקע איינהאנדלן א זכות אינעם נייעם בנין בית רחל, און דאס האט געגעבן א געוואלדיגער ערמוטיגונג פאר'ן וועד אנצוגיין מיט מער אייפער און שוואונג מיט'ן שאפן די אסטראנאמישע סכומים, וואס ווערט געשאצט אויף צוואנציג מיליאן דאלאר אויפצושטעלן דעם גיגאנטישן בנין על תילה בנוי'.









# שטאדנהאפטיגער קשר צווישן הנהלת מוסדותינו הק' מיט די ניי-געגרינדעטע סאטמארער מוסדות אין בארא פארק

## בארא פארקער קינדער ווערן גאר ווארעם ענטפאנגען אין תלמוד תורה ויואל משה, קומען זען וואונדערליכער 'עשר מכות פארשטעלונג' און 'מאלן ווייץ' לכבוד פסח

פארגאנגענעם מיטוואך וארא העעל"ט זענען די נורסערי קינדער פון די ניי-געגרינדעטע תלמוד תורה אין בארא פארק געקומען צופארן קיין וויליאמסבורג באזוכן אונזער קינדערגארטן און נוירסערי אפטיילונג, צו באטראכטן דער הערליכער 'עשר מכות אויסשטעלונג' וואס ווערט יאר יערליך פרעזענטירט פאר די צאן קדשים אין תלמוד תורה 'ויואל משה' אין די וואכן פון פרשת וארא און בא.

דער מכות אויסשטעלונג איז א מייסטערהאפטע ארבעט, מעשי ידי אומן, באגלייט מיט פילע איינצלהייטן און פרטים איבער די נסים ונפלאות וואס דער אייבירשטער האט געטון אין מצריים באזירט לויט די מפרשים ומדרשי חז"ל. א ווערק וואס ווערט באוואונדערט אפילו דורך ערוואקסענע. דינסטאג נאכן דאווענען און פרישטאג עסן האבן זיך די באסעס מיט די בארא פארקער קינדער ארויסגעלאזט קיין וויליאמסבורג.

אנקומענדיג זענען די קינדער גאר ווארעם ענטפאנגען געווארן דורכן סטעף פון די תלמוד תורה און זענען גלייך געפירט געפארן צום צימער וואו דער מכות אויסשטעלונג איז געווארן פרעזענטירט. די קינדער האבן טאקע באטראכט מיט באגייסטערונג אלע צען מכות לויט ווי עס איז ווערט פארגעשטעלט לעבעדיג, און א מלמד מומחה האט זיי דערביי באגלייט ערקלערנדיג און אנווייזנדיג אויף יעדע מכה וואס מ'קען אלס זען אינעם קעסטל.

נאכן באטראכטן די מכות פארשטעלונג האבן די קינדער פון די בארא פארקער חדר געגעסן מיטאג אינאיינעם מיט די וויליאמסבורגער קינדער, וואו זיי זענען סערווירט געווארן מיט נאראהאפטיגע מאכלים מכל טוב וטוב. צו קענען אקאמאדירן אזויפיל הונדערטער קינדערלעך בליעה"ר איז דער מיטאג סערווירט געווארן אין די חתונה זאל. דערנאך האבן אלע קינדער באקומען א געשמאקן קיכל אהיימצונעמען אויף 'צידה לדרך'.

מיטוואך פרשת בא זענען די גרעסערע בארא פארקער קינדער פון כתה א' און קינדערגארטן געפארן באזוכן די צענטראלע מצה בעקריי דקהלתינו הקדושה אין וויליאמסבורג, ווי זיי האבן צוגעזען פון דער נאנט דער סדר פון באקן מצות, פונעם קנעטן וועלגערן און רעדלן, ביזן דאס אריינטראגן אין אויוון, וואס איז געווען גאר אינטערעסאנט און באלערנד פאר די קינדער, אויך האט מען געוויזן פאר די קינדער ווי מ'גיבט אכטונג אויף יעדע דבר קטן וגדול עס זאל נישט קומען לידי חמץ.

פון מצה בעקריי זענען די קינדער נאכאמאל געפארן צום תלמוד תורה ויואל משה, וואו זיי האבן געהאט א געלעגנהייט אליין צו מאל ווייץ, מיט א ספעציעל מילעכל וואס מ'האט געברענגט אין תלמוד תורה ווייל די קינדערגארטן לערנט יעצט 'מלאכת טוחן' פון די ל"ט מלאכות שבת.

די קינדער האבן מיט וואונדער באטראכט ווי די ווייץ קערנדלעך ווערן צומאלן אויף מעל, און זיי האבן אליינס פרובירט צו מאלן די ווייץ מיט גרויס הנאה און פארגעניגן.

די צוויי באזוכן זענען געווען נאך א פריש רינגעלע אינעם קייט פון נאענטשאפט און צוזאמענארבייט וואס הנהלת מוסדותינו הק' בכלל און איבערהויפט דער שטאב פון נורסערי קינדערגארטן און שפיץ פונעם מנהל הרב ר' יושע אלימלך לאנדא הי"ו, טוען לייסטן צו העלפן אונזערע אחים לדיעה אנ"ש תושבי בארא פארק צו קענען שטעלן די נייע מוסדות אויף א פעלזן פעסטער יסוד, און דאס זאל זיך קענען אנטוויקלן און אויסברייטערן ביתר שאת ועוז לשם ולתפארת.

עס איז בלויז כדי צו בארירן אויפן שפיץ גאפל טייל ברודערליכע הילף פון מוסדותינו הק' פאר וועלכן מיר וואלטן באמת געקענט ווידמען גאנצעטע בלעטער, אנגעפאנגען פון דאס צושטעלן די ערפארענע מלמדים, דאס עסן פרישטאג און לאנטש יעדן טאג, די וועכנטליכע ארטס-און-קרעפטס און רוחניות'דיגע פראגראמען ביי די יונגלעך און מיידלעך, און זיין בייהילפיג מיט'ן שאפן די שטאטישע פראגראמען וכדומה, די באסעס פאר זייער פלאטע, אין די ליסטע איז נאך פיל לענגער ועוד חזון למועד.



די קינדער פון בארא פארקער תלמוד תורה ביים עסן מיטאג אין ויואל משה זאל צוזאמען מיט די וויליאמסבורגער קינדער

# די קינדער פון סאטמארער מוסדות אין בארא פארק ביים באזוכן אין ת"ת ויואל משה



געשמאקע קיכן אנגעגרייט פאר די ב.פ. קינדער



באטראכטענדיג מיט נייגער א פרשה אויסשטעלונג



די קינדער ווערן אויפגענומען בספ"י אין איינס פון די חדרים




קוקן זיך איין מיט וואונדער צו די מכות פארשטעלונג





די קינדער פון כתה א' מאלן ווייץ לכבוד פסח




# איבער הונדערט באס דרייווערס ביי פערטע יערליכע סקול באס סעיפטי מיטינג פארגעקומען עשרה בטבת, אין די זאַלן פון ויואל משה

## הערליכע דרשת חיזוק פון הרה"ג מגיד משרים רבי יוסף חיים גרינוואלד שליט"א

פארגאנגענעם עשרה בטבת איז פארגעקומען די פערטע יערליכע 'סקול באס סעיפטי מיטינג', אראנזשירט דורכן איניציאטיוו פון די טראנספארטאציע דעפ. פון אונזערע מוסדות, וואו עס זענען צוזאַמענגעקומען איבער הונדערט באס דרייווערס פון די היימישע בתי חינוך.

אַזוי ווי ביי די ערשטע דריי קאנפערענצן, האט מען אויך דאס מאל געהערט וויכטיגע אנווייזונגען און עצות, און אַ רייע וויכטיגע פרטים, ווי אַזוי צו פאַרבעסערן די וואוילזיין און זיכערהייט פון די צענדליגער טויזנטער קינדערלעך קע"ה וואס ווערן טעגליך אפגעפירט צו די היימישע בתי חינוך אין וויליאַמסבורג און אין גאַנץ ברוקלין. אויך האט מען געהערט גאר אַ תוכן'דיגע דרשת חיזוק פאַר די עוסקים במלאכת הקודש, וועלכע טראגן און ברענגן די קינדערלעך צו די בתי חינוך, וועלכע גייען אַריין אין כלל פון ליתן שכר למביאיהם.

די ריזיגע צאל באס דרייווערס וועלכע האבן זיך צוזאַמענגענומען ביי די אסיפה – טראץ דעם תענית - דעמאנסטרירט ב"ה אַז די דרייווערס נעמען זייער אויפגאַבע מיט אַ געוואַלדיגע ערנסטקייט און אחריות, און זוכן וואס זיי קענען טאן עס אויסצופירן בשלימות און מיט די גרעסטע זהירות.

די קאנפערענץ איז געעפנט געווארן דורך הרה"ח ר' משה לויפער הי"ו, דער דינאַמישער און באַגאַבטער מענעדזשער פון די ריזיגע סאַטמאַרער טראַנספּארטאַציע פלאטע, וועלכע טראַנספּארטירט טויזנטער קינדער טעגליך כ"י. ר' משה – וועלכער איז אין טעגליכע פאַרבינדונג מיט די גרעסטע צאל דרייווערס, עלטערן, די מלמדים און מנהלים, און איז דאס מערסטע באַהאַוועוונט מיט די פילצאליגע אישוס וואס קומען אויף דורכאויס די טראַנספּארטאַציע סיסטעם - האט איבערגעגעבן גאר וויכטיגע זיכערהייט פרטים, און האט איבערגעשמועסט אַנדערע וויכטיגע כללים וואס דרייווערס דאַרף'ן געדענקן.

דערנאך האט מען געהערט אַ צענטראַלע פתיחה פון הרה"ח ר' ישראל יצחק גראס הי"ו, וועלכער פירט אן די מאנראו באס גאַראַזש, וועלכער האט אַסאַך ערפאַרונג מיט די אויפהאַלטונג און אויסשטאַטונג פון באסעס. ער איז איבערגעגאַנגען פאַרשידענע אינטרעסאַנטע טעכנישע זאַכן ווי אַזוי דרייווערס קענען מאַכן די קינדער באַקוועמער א.ד.ג.

מיט דורשט האבן די באַטייליגטע געשלינגען דברי ברכה והתחזקות פונעם מגיד מישרים, פה מפיק מרגליות הרה"ג ר' יוסף חיים גרינוואַלד שליט"א, וועלכער האט אַרויסגעברענגט דאס חשיבות פון זייער הייליגע אויפגאַבע פון פירן קינדער לערנען, און האט אַראפּגעברענגט גאר פאַסיגע עובדות און ווערטער פון ספרים וואס האט אַרויסגעברענגט אַז זייער עבודת הקודש איז איינ̇יג מיט די גרעסטע מרביצ' תורה.

דורכאויס די רעדעס, און נאכפאלגנדע דיסקוסיעס מיט דרייווערס, איז צוגעשטעלט געווארן גאר וויכטיגע איינצעלהייטן ווי אַזוי צו העלפן פאַרזיכערן די קינדער, איבערהויפּט מיט די פילע בייק-לעינס, זיכער צו מאַכן אַז זיי האַקן נישט אַריין חלילה ווען קינדער גייען אַרויף אויפ'ן באס. אויך האט מען געהערט נאך וויכטיגע אינפארמאַציע, צו פאַרשטערקערן די זיכערהייט פון די אינגע רייזער. ספּעציעל, זענען אויסגערעכנט געווארן אַ רייע פּלעצער און צייטן וואס מ'דאַרף זיין ספּעציעל פארזיכטיג, וואס איז צוזאַמענגעשטעלט געווארן פון אינפארמאַציע פון דרייווערס דורכאויס די לעצטע שטיק צייט.

נאך די אסיפה האט מען געדאַוועוונט מעריב און עס איז צוגעשטעלט געווארן אַ גרויסע אויספּאַסטן דורך צוויי דרייווערס. און אלע האבן זיך שטאַרק באַדאַנקט פאַר הרה"ח ר' משה לויפער הי"ו פאַר אַוועקגעגעבן שעות און טעג צו אַראַנזשירן דעם מיטינג, טראץ זיינע פילע טירדות פירנדיג אונזער פארצווייגטע טראַנספּארטציע אפּטיילונג. אויך ווערט אויסגעדרוקט אַ דאַנק פאַר ר' יושע קירשנער הי"ו פון די יו.דזשעי.א. פאַר העלפן אַראַנזשירן די יערליכע קאנפערענצן.








# גייסטרייכער 'ביחד' בלעטל ווערט באגריסט מיט אינטערעסע און הנאה דורך די צופרידענע עלטערן


ביחד

כדי מער צו באפעסטיגן דעם געמיינזאמען רוחניות'דיגן קשר צווישן די הנהלת בית רחל און די טויזנטער צופרידענע עלטערן וואס האבן קינדער אין אונזערע מוסדות און ספעציעל אינעם בית רחל, האט דער מנהל פון בית רחל הרב ר' בנציון פייערווערגער שליט"א אינאיינעם מיט'ן וועד החינוך באשלאסן ארויסצוגעבן דעם נייעם "ביחד" בלעטל, וואס פארשפרעכט צו זיין א שטארק אינפארמאטיווער קאנטאקט מיטל, וואס וועט 'אינאיינעם' העלפן דערגרייכן דעם רוחניות'דיגן ציל מחנך צו זיין ערליכע אידישע טעכטער וואס זאלן זיין שטאלץ מיט זייער צניעות און באשיידנקייט, און קענען אויסוואקסן ערליכע אפגעהיטענע אידישע מאמעס פונעם צוקונפטיגן דור.

אינעם 'פארווארט' פון דעם ערשטן נומער שרייבט די הנהלה רוחניות דער ציל און מאטיוו פון דעם נייעם אויסגאבע "ביחד", אז דאס איז הויפטזעכליך באזירט אויף די יסודות'דיגע ווערטער וואס דער רבי זי"ע שרייבט אין זיין הייליגן ספר ויואל משה (מאמר לשוה"ק סי' מ"ב), ווי פאלגענד: **אם גם האבות ואמהות יסייעו לחינוך כראוי בכל הפרטים כולי האי ואולי נזכה לדורות הגונים.** אין אידיש: אויב די טאטעס און מאמעס וועלן אויך צוהעלפן צו דעם חינוך ווי עס בדארף צו זיין מיט אלע פרטים, וועלן מיר אפשר אזוי זוכה צו ערליכע דורות.

און אביסל וויטער (שם סי' נ') שרייבט דער רבי זי"ע: **ע"כ כל האבות ואמהות ביחד עם מנהלי מוסדות החינוך מחוייבים להתאמץ בזה.** דערפאר, אלע טאטעס און מאמעס אינאיינעם מיט די מנהלים פון די מוסדות החינוך זענען מחויב זיך אין דעם צו שטארקן, עכלה"ק.

עס איז אוממעגליך צו באשרייבן די כוחות וואס אונזער בית חינוך לייגט אריין אין די קינדער, סיי בגשמיות און סיי אין רוחניות, נישט אומזיסט האט אונזער מוסד זוכה געווען צו זיין א וועג-ווייזער פאר אסאך אנדערע מוסדות, וואס קומען זיך לערנען ווי אזוי אידישע קינדער דארפן אויסצוזען, וואס איז אוודאי צום פארדאנקען די געוואלדיגע כוחות און צוזאמארבייט פון די טייערע עלטערן וואס העלפן אויספירן דעם פליכט פונעם בית חינוך אויפצוציען ערליכע אידישע דורות ביז משיח'ס טאג.

אבער פון די אנדערע זייט פרובירט דער שטן מיט אלע כוחות און מיט אלע ערליי דריידלעך צו טרעפן שטערונגען ווי אזוי אונטערצוהאקן דעם הייליגן ריינעם חינוך, במישרין ובעקיפין, און אין דער צייט וואס אסאך אפילו היימישע קרייזן בייגן זיך און זענען מסכים צו נייע מאדערנע איינפירונגען, איז אבער אונזער וועד החינוך עומד על המשמר וואס טוען באאבאכטן און אנאליזירן ביי יעדן ענין וואספארא כוונה עס ליגט אונטער יעדע נייע זאך, אפילו אמאל זעט עס אויס ווי אן אומשולדיגער געדאנק אבער דער ציל דערפון קען פירן צו עפעס א שטרויכלונג.

דער געטרייער וועד החינוך, וועלכע שטייען מיט געטריישאפט אויף זייערע הייליגע פאזיציעס, זענען עס די וואס טוען אויפמערקזאם מאכן די טייערע עלטערן, וואס זענען ב"ה פארנומענע טאטעס און מאמעס, אז אונזער חינוך טאר נישט געטוישט ווערן מיט סיי וואס, נאר מיר בלייבן פעלזן פעסט אויף די אויסגעטרעטענע וועגן פון אונזערע עלטערן, לויט ווי אזוי רביה"ק זי"ע האט אונז געלערנט.

דעריבער האטפט די הנהלת הישיבה טאקע אז דורך דעם בלעטל וועלן זיי האבן א ריכטיגער געלעגנהייט זיך כסדר דורכשמועסן "אינאיינעם" מיט די עלטערן, אויף ענינים וואס פאדערט זיך א ספעציעלע אויפמערקזאמקייט, און צומאל פרעגן געוויסע עלטערן אן אויף די פארשידנארטיגע תקנות אין אונזערע מוסדות, גרינגע ווי שווערע, צוליב וועלכן ציל מען האט דאס איינגעפירט, און דורכדעם גליין וועלן די עלטערן ווערן אינפארמירט וואס דער מטרה פון יעדע תקנה איז, און ווי אזוי די עלטערן דארפן זען אז עס זאל איינגעהאלטן ווערן, און דאס מחזק זיין ביי די קינדער דאס צו קענען אויספירן מיט דערפאלג.

גלייכצייטיג וועט ארויסקומען א טובה פון אזא אויסגאבע, אז די עלטערן וועלן קענען זען וויפיל אומערמידליכע כוחות און שעות ווערן אינוועסטירט אינעם חינוך בכלל, און וויפיל די הנהלה וועגט אפ יעדן באשלוס באטראכטענדיג אלע צדדים פון יעדע נייע תקנה און פארלאנג, בעפאר מען שיקט דאס אהיים צו די עלטערן, ווי אזוי עס וועט אויסנעמען צווישן די עלטערן אדער די קינדער, כדי ארויסצונעמען פון יעדע זאך די מאקסימום אויפטו לטובת דעם חינוך און המשכת הדורות ע"ד ישראל סבא.

ווי דער מנהל פון בית רחל הרב בנציון הי"ו, וועלכער איז דער איניציאטאר פון דעם קאנטאקט בלעטל, געט איבער וועט דער 'ביחד' בלעטל ערשיינען מזמן לזמן, און עלטערן וועלן געוויס זייער הנאה האבן מיטצוהאלטן מיט די געשעענישן און איינפירונגען אינערהאלב די מוסדות כדי צו קענען ארבייטן אינאיינעם.

# גאר געהויבענער ראש חודש שבט אפגעראכטן בהיכלי הישיבות אויף וועווערלי אין וויליאמסבורג בראשות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

## דער רבי שליט"א איז משמיע דברי מוסר וחיזוק פאר אלע דריי ישיבה קטנה אפטיילונגען באזונדער

פארגאנגענעם מיטוואך פרשת בא העעל"ט איז געווען א יום טוב'דיגער טאג בין כותלי הישיבות קטנה וצעירים אין וויליאמסבורג, ווען כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א איז לכבוד ראש חודש שבט געקומען דאווענען תפילת שחרית אין בנין הישיבה קטנה אויף וואשינגטאן וועווערלי עוועניו, וואו עס לערנען די הונדערטער בחורי חמד פון אלע דריי אפטיילונגן פון ישיבה קטנה און צעירים, און האט דערביי משמיע געווען דריי דרשות מוסר והתחזקות פאר יעדן ישיבה אפטיילונג באזונדער, וועלכעס האט אן צוויפל איבערגעלאזט דעם ריכטיגן רישומא דקדושה און השפעה אויף די פרחי בחורי חמד.




צו תפילת שחרית זענען אלע דריי אפטיילונגען זיך צונויפגעקומען אין היכל ביהמ"ד שע"י ישיבה לצעירים בהנהלת הגה"צ רבי מנשה כ"ץ שליט"א אבד"ק פריימאן יצ"ו, דאווענען בצוותא חדא צוזאמען מיט כ"ק מרן רבינו שליט"א, וואו דאס דאווענען פון אזא ציבור בחורים בליעה"ר איז אריבער מיט גרויס דערהויבנקייט און התעוררות ובקול אדיר וחזק.

צו אמירת הלל האט דער רבי שליט"א יורד געווען לפני התיבה און כדרכו פארגעדאווענט מיט גרויס ווארימקייט והשתפכות הנפש. מיט תפילת מוסף איז נתכבד געווארן הרה"ג רבי יצחק ראזענבערגער שליט"א חדב"נ רבינו שליט"א רמ בישיבה לצעירים.

נאכ'ן דאווענען איז געווען א הפסקה און די בחורים זענען דאן געגאנגען עסן פרישטאג זיך אנצושעפן כוח און חיות דקדושה אויף אגאנצן טאג. דער רבי שליט"א איז דאן אריין אין א חדר מיוחד און געלייגט תפילין דר"ת און געלערנט זיינע פריוואטע שיעורים.

נאך פרישטאג איז פארגעקומען א מסיבת לחיים אין היכל ביהמ"ד, וואו דער מנהל דער פריימאנער רב שליט"א האט באגריסט דעם רבי'ן שליט"א מיט פאסיגע רייד, און דערנאך האט דער רבי שליט"א משמיע געווען דברות קודש ודברי הדרכה פאר די תלמידי ישיבה לצעירים.

א לענגערע צייט האט דער רבי שליט"א ארומגערעדט איבערן חשיבות פון עבודת התפילה בהתעוררות און השתפכות הנפש. דער רבי שליט"א האט ברייט אויסגעשמועסט דאס חשיבות פון לערנען תורה אן קיין שום הפסק, און האט דערביי געמאנט פון די בחורים, אז זיי זאלן זיך מקבל צו זיין יעדן טאג צו לערנען שעות רצופות, אויסדרוקנדיג זיין הנאה איבער די גוטע גריסן איבערן התמדת התורה ביי אלע סדרי הלימוד בכלל און בעיקר ביים פארטאגס סדר.

אויך האט ער באזונדער מעורר געווען די בחורים איבער'ן הארבקייט פון אונאת דברים טשעפענען א צווייטן מיט א שטעך ווארט, וואס די גמרא זאגט דערויף גדולה אונאת דברים מאונאות ממון, אונאת ממון ניתן להשבון, אונאת דברים איז לא ניתן להשבון.

נאך די דברי תורה האט דער רבי שליט"א געטיילט שיריים און געגעבן "לחיים" פאר די מגי"ש און פאר אלע בחורים שיחי', אנוואונטשענדיג דערביי ברכות לרוב, און מיט הארציגן גרעזאנג האבן די בחורים דערנאך ארויסבאגלייט דעם רבי'ן שליט"א.

פון דארט איז דער רבי שליט"א אריבערגעגאנגען צום היכל הביהמ"ד שע"י ישיבה קטנה חלק א', בהנהלת הרה"ג רבי משה יהודא פריעדמאן שליט"א, וואו דער רבי שליט"א האט אויך גערעדט קורצע דברי התחזקות מתובל בדברי דרוש ואגדה, און האט דערביי אויך מעורר געווען די תלמידי הישיבה איבער פילע יסודות'דיגע נקודות וואס א בחור דארף צו געדענקען צו קענען שטייג על סולם העולה בית קל, קדושת הפה והדיבור, עבודת התפילה, לימוד התורה בלי הפסק, און לימוד שעות רצופות די קומענדע צוויי און פערציג טעג ביז'ן זמן הדר קבלה, כמנין ודברת ב"ם.

נאך דעם איז דער רבי שליט"א אומערווארטעט אריינגעגאנגען אינעם ישיבה קטנה אפטיילונג חלק ב' בהנהלת הרה"ג ר' יעקב יצחק טייטלבוים שליט"א, וואו די בחורים האבן געהאלטן אינמיטן לערנען אין היכל הבית המדרש. די תלמידי הישיבה האבן זיך אויפגעשטעלט מיט יראת הכבוד און געבליבן שטיין ביז דער רבי שליט"א איז אנגעקומען צום שולחן המזרח.

כמעשה בראשונה ובשני' האט אויך דא האט דער רבי שליט"א משמיע געווען דברי חיזוק פאר די תלמידי הישיבה, דער רבי האט ספעציעל מעורר געווען די בחורים איבער קדושת הדיבור והמחשבה, אויך דא האט ער ערוועהנט איבער דאס וויכטיגקייט פון קדושת הלב ועינים, כי עינא וליבא תרי סרסורי דעבירא אינון, און די איינציגע עצה בייצוקומען און זיך מתגבר צו זיין איבער אלע נסיונות איז דורך לימוד התורה, און ספעציל פאר'ן דאווענען,

ווען דער רבי האט מעורר געווען די בחורים איבער'ן חשיבות לימוד רצופות האט ער באטאנט, "ווען איינער איז מפסיק ממשנתו ווייזט ער נישט נאר אז ער האלט יעצט נישט ביים לערנען, ער ווייזט אז אפילו די תורה וואס ער האט ביז יעצט געלערנט האט אויך נישט קיין חשיבות ביי אים".

נאך די דרשה האט דער רבי שליט"א פארלאנגט פון די בחורים אז היות ווען ער איז אריינגעקומען אין ביהמ"ד האט ער געטראפן דעם עולם לערנען, אזוי וואלט איך געוואלט עס זאל זיין כאשר בא כן ילך און די בחורים זאלן ווייטער ממשיך מיט'ן לערנען. עס האט תיכף ומיד אויסגעבראכן א הילכיגער קול תורה אדיר וחזק, און דערמיט איז דער רבי שליט"א ארויסבאגלייט געווארן פון ביהמ"ד.

עס איז שוין געווען נאך חצות היום ווען רבינו שליט"א איז אוועקגעפארן פון דעם מבצר הישיבות פול מיט קורת רוח ותענוג רוחני, און דערמיט האט זיך געשלאסן דער געהויבענער טאג-באזוך פון רבי'ן שליט"א צווישן תלמידיו הנאמנים.

# תלמידי ישיבה קטנה חלק ג'

## שלינגען מיט דורשט די דרשת חיזוק והתעוררות פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

אויך ביי די תלמידי ישיבה קטנה חלק ג' האט דער רבי שליט"א פארגאנגענעם דינסטאג יתרו אין די פארמיטאג שטונדן אפגעשטאט א באזוך בהיכל הישיבה אויף ראטלידזש סטריט, כדי מחזק צו זיין די בחורים אנצוגיין מיט זייער התמדה וחשקות התורה. ווען דער רבי שליט"א איז אנגעקומען האבן די בחורים געהאלטן טיף אינמיטן לערנען און דער רבי האט זיך א ווייל אומגעקוקט ווי די בחורים לערנען פלייסיג בקול רעש גדול.

דערנאך האט דער רבי שליט"א פארהערט די תלמידי הישיבה אויף עטליכע בלעטער פונעם ערשטן פרק אין מסכתא פסחים, וואס זיי האבן יעצט געענדיגט איבער'חזר'ן די חזרה. נאכן פארהערן זענען אלע בחורים זיך צוזאמגעקומען אין היכל בית המדרש, וואו דער רבי שליט"א האט משמיע געווען קורצע דברי התחזקות פאר די בחורים.

רבינו שליט"א האט דערביי באזונדער מעורר געווען איבער די ימי חודש אדר ופורים המשמשים ובאים, אז פונקט ווי מ'זעט דא אין מסכתא פסחים 'שלשים יום קודם החג שואלין ודורשין בהלכות החג', דעריבער איז שוין די פאסיגע צייט שטייענדיג אפגערוקט דרייסיג טאג פאר פורים מעורר צו זיין איבער די ימי חודש אדר הבאים קראתינו לשלום, אז מ'זאל דאס אויסנוצן אויפ'ן ריכטיגען אופן און מיט אן ערנסטקייט, ווי די חז"ל פארלאנגען הדר קבלוה מאהבת הנס, און נישט ח"ו אויסנוצן אויפ'ן פארקערטן אופן, אויסמישן די שמחה דקדושה מיט הוללות, און מיטן טוען אומפאראנטווארטליכע מעשים, וואס ברענגט נישט קיין קידוש שם שמים, און טייל זענען גאר הארבע איסורי דאורייתא.

בפרט האט דער רבי שליט"א מעורר געווען די בחורים מ'זאל נישט מיינען אז מ'מעג שוין נאכלאזן פון די התמדה ווייל מ'האלט שוין ענדע זמן, נאר אדרבה מ'זאל זיך מחזק זיין ביתר שאת ויתר עוז, פארצוזעצן דאס לערנען מיט מער פלייס. די בחורים האבן נאך די דרשה זיך פארגענומען אויסצונוצן די קומענדיגע טעג פאר התעלות והתמדת התורה.

*

אייגענטליך איז דאס שוין געווען דער צווייטער באזוך פון רבי'ן שליט"א בין כותלי ישיבה קטנה חלק ג'. דאס ערשטע מאל איז געווען אין די וואך פון כ"א כסלו, ווען דער רבי שליט"א האט קובע געווען א מזוזה אויפן ניי-רענאווירטן ישיבה לאקאל אינעם בנין המוסדות אויף ראטלידזש, וועלכעס די הנהלת הישיבה האט צוגערישט היי-יאר צום זמן החורף, מיט אלע נויטיגע באדערפענישן און צוגעהערן וואס פעלט אויס צום הרחבת הדעת פון די בחורים.

נאכן קביעות מזוזה האט רבינו שליט"א געזאגט דברי פתיחה, משולב מיט דברי התחזקות לבחורי חמד בימי בחרותם, וואס האט אויף א לענגערע צייט איבערגעלאזט דעם ריכטיגן רושם ביני עמודי דגירסא.



# דברי אלקים חיים שהשמיע הוד כ"ק מרן רבינו שליט"א

## בעת ביקורו בין כותלי ישיבה קטנה חלק ב' ר"ח שבט תשע"ב העעל"ט




ויושב את משה ואהרן אל פרעה ויאמר אליהם וכו' מי ומי ההולכים. במדרש פרעה אמר לישראל עתידים אתם לומר מי יעלה בהר ה' ומי יקום במקום קדשו, וע"ז אמר משה בנערינו ובזקננו נלך וגו' וצ"ב. עוד במדרש כי חג ה' לנו זה חג הסוכות.

ואפשר לומר ע"פ דברי ק"ז בישמח משה על הפסוק בתהילים (קי"ט) נחלתי עדותיך לעולם כי ששון לבי המה נטיתי לבי לעשות חוקיך לעולם עקב. וביאר שם ע"פ דברי הגמ' (מגילה דף כ"א) תרי קלא לא משתמעי, ואמרינן שם דבהלל ובמגילה כיון דחביבא עלייהו יהיב דעתו, אלמא דבכל דבר שהאדם עושה תלוי כמה חביבא עלי', ואם הוא דבר שחביב עליו הוא יכול לשמוע אפילו כנגד טבעו, וכמו כן בתורה אם חביב עליו יכול להבין ולשמוע אע"ג דכ"פ יכול להיות דברים מפריעים כנגד טבעו, ואם לאו בהיפך חלילה, וזה נחלתי עדותיך לעולם היינו שיכול לנחול התורה בע"ה, ע"י כי ששון לבי המה. אבל אם רק נטיתי לבי שעושה בעל כרחו, אזי לעולם עקב, עקב מלשון בשר מת שבעקב, היינו שא"א שיהי' לו חיות בהתורה ולזכות בה.

וזה שאמר פרעה למשה בעת שביקש להוציא את בני ישראל מי יעלה בהר ה' היינו מי יכול לזכות לעלות בהר ה'. ומי יקום במקום קדשו היינו מי שיכול להתקיים, שיהי' לו תקומה דהיינו להתחזק בכל עת ובכל מצב שמגיע לו, אע"ג שבאים לו כמה מפריעים. ופרעה שאל מי הוא זה אשר בכוחו לעשות כן. על זה ענה משרע"ה בנערינו ובזקינינו נלך היינו כלנו כאחד יכולים לזכות לזה ע"י שנתחיל בימי הנעורים עד ימי הזקנה, ברציפות בלי שום ביטול ובלי שום רפיון ובלי שום התפעלות ממצבים שעומדים לנגדו, ועל זה אומר הפסוק ואיך יכולים לזכות לזה ע"ז אומר כי חג ה' לנו מפרש המדרש זה חג הסוכות, דהיינו שעושים בשמחה, כמו המצוה של חג הסוכות, דהיינו שיהי' חביב עליו ואז אפילו תרי קלא משתמעי, ויכול להצליח אפילו כנגד הטבע, (וזה חג הסוכות שאז המצוה להיות בשמחה כדכתיב ושמחת בחגיך).

או אפשר לומר עוד ע"פ דברי רביה"ק זי"ע על הא דאמרו חז"ל דתפילה הוא דבר העומד ברומו של עולם ובני אדם מזלזלים בו, כי בתפלה יש בנ"א שמתפללים ואינם מרגישים שנתקבל תפילתם, והסיבה לזה הוא מפני שהתפלה לא עלה לעילא, וצריך שיבוא אדם אחד בתפלתו ויעלה תפילת שאר בנ"א, וזה דברים העומדים ברומו של עולם ולא פורחת לעילא.

ק"ז אומר בייטב לב על הא דאומרים בלשם יחוד קודם הנחת תפלין וצונו להניח על היד וגו' לשעבד בזה תאוות ומחשבות לבנו וגו' דידוע דצדיקים לבם ברשותם ורשעים בהיפך, וא"כ רק צדיק אפשר לומר לשעבד בזה וכו', שצריך שיהי ברשותו הדבר שרוצה לשעבד, דאי אפר לשעבד לאחד דבר שאינו ברשותו, א"כ מי שאין לבו ברשותו איך אפשר לו לשעבד תאוות ומחשבות לבו, רק העצה הוא על פי מה שידוע מאמר חז"ל אם פגע בך מנוול זה משכהו לבית המדרש וכו' וא"כ אם הוא עוסק בתורה הוא בעה"ב על הלב.

עומדים עכשיו בימי השובבי"ם שאנו קוראין הפרשיות שיצאו בנ"י ממצרים, ששם הי' הלב משועבד בהטומאה, ולא היו יכולים לדבר דיבורים של אמת, שדיבורים בלא לב אינם דיבורים, וכמש"כ בסה"ק זרע קודש ועוד ספרי חסידות דפסח נקרא פה־סח, כי הפה הי' שם בגלות, כי לא היו יכולים לדבר ולהתפלל כדבעי כי דברים בפה בלא לב אינם דיבורים כדבעי, והעצה היעוצה לפתוח הלב שיהיו יכולים לדבר דברי אמתיים הוא ע"י התורה הק'.

בפ' השבוע איתא דברו נא אל כל עדת בנ"י וגו' משכו וקחו לכם וגו'. ופירש"י דברו היום שיקחו בי"ד. וצ"ב למה היו צריכים לדבר בראש חודש, וצ"ל דכדי שיהיו יכולים לצאת מהקליפה צריך שיהא בזה הכנה בתורה הק', וע"י שידבר היום יעסקו בהלכות הפסח עד י"ד, ועי"ז יהיו יכולים לצאת מהקליפה, בימינו יש נסיונות גדולות בכל הענינים כמו בגלות מצרים, בפרט להיות נזהר במחשבות הלב ובראיית העינים, ועל זה אמר הפסוק ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם, כי עינא וליבא תרי סירסורי דעבירה אנון, וע"ז העצה היעוצה שיהיו יכולים להתגבר על כל הנסיונות הוא רק ע"י לימוד התורה בהתמדה בלי הפסק ובלי שום ביטול, וידוע מה שאומרים בשם הרה"ק מבעלזא זי"ע שקודם התפלה אז הזמן המסוגל ביותר ללמוד תורה, ועל כן צריכין אז להתגבר ביותר שלא לבטל הזמן היקר וללמוד בהתמדה רבה גמרא תוס'.

וכן אח"כ צריכים ללמוד ספרי חסידות וזה מה שאומרים הרינו מזמן את פי וגו' שזהו האופן לזמן ולהכשיר הפה שיוכל לדבר הדיבורים הקדושים של תפלה כדבעי, וע"י זה יכולים להתפלל כראוי, וזה ג"כ בראתי יצר הרע בראתי תורה תבלין כנגדו, ועכשיו בימי השובבי"ם שצריכים אנחנו לצאת מהטומאה של גלות מצרים, הרי העצה לזה הוא רק ע"י לימוד התורה, וזה רק אם הוא עושה בשמחה וכנ"ל, אבל אם אינו עושה בשמחה אז לעולם עקב כנ"ל.

בגמ' בכל יום בת קול יוצאת מהר חורב ומכרזת ואומרת אוי להם לבריות מעלבונה של תורה **"ואם א"א לבחור ללמוד בלי הפסק באמצע אזי מבזה הוא את התורה"** דאם הי' יודע באמת שהתורה הוא חייו וודאי לא הי' מפסיק, ודרשו ז"ל עה"פ כל הנשמה תהלל קה היינו על כל נשימה ונשימה, כי בלי נשימה אי אפשר לחיות, ואם הי' יודע במקום אחד ששם אי אפשר לנשום, בלי ספק לא הי' הלך לשם, משום דיודע בוודאי שזה חייו, וג"כ בתורה אם יודע שזה חייו בוודאי אינו מפסיק. ובזה **שמפסיק אינו מראה רק שעכשיו אינו רוצה ללמוד, רק הוא מראה שכל תורתו שלמד עד עכשיו אינו חשוב אצלו** ועכשיו צריכים אנו לצאת משערי הטומאה, ואנו עומדים בעת אשר רוחות זרים סוערים הים סוער והשונא רודף, וצריכים רחמי שמים מרובים להנצל מפגעי הזמן, וזה א"א כ"א ע"י התורה.

וצריכים להקבוע עיתים לתורה ושמעתי פ"א פירוש על מאמר הגמ' קבעת עיתים לתורה דמובא בגמ' דרוב ימיו של אדם הוא להבל וריק, לפי שעד כ' שנים אינו בר עונשין עדיין וגו', ואינו נשאר מכל השבעים שנה כ"א י"ב שנים ומחצה, אבל ידוע דכל קבוע כמחצה על מחצה דמי, ומי שעושה תורתו קבע אע"פ שאין רוב שנותיו לתורה, מ"מ חצי שנותיו הוא לתורה, ולא רק י"ב שנים ומחצה, וזה קבעת עתים לתורה.

**ואם מרגילים את עצמם ללמוד ברציפות אז נעשה התורה חייו ממש, ואפשר שיהא אדם שילמוד חמש שעות ונדמה לו כאילו לא למד כ"א חמש מינו"ט, וזה רק אם תרגילו את עצמכם בשנות נעורים.**

**וצריכים להזהר שלא לדבר קודם התפילה, והיו אנשים כשרים שלא היו מדברים אפילו דברים נחוצים של חול קודם התפלה, אבל עכ"פ דברים בטלים בוודאי אין לדבר.**

וידוע מאוהחה"ק דהפה שמדבר ומתפלל הוא כמו כלי שרת שאסור להשתמש בו תשמיש של חול, ואח"כ יש ללמוד ספרי חסידות, וזה מועיל להתפלל כראוי, אבל צריכים להזהר שלא ללמוד ספרי חסידות בהזמן שצריכים כבר להתפלל, שאז לא די שאינו מועיל כלום, רק אפשר זהו עצת היצר.

והיום הוא ר"ח שבט ומן היום ועד הזמן של הדר קבלוהו בימי אחשורוש יש מ"ב ימים, וידוע מהרה"ק ר"א מליזענסק זי"ע דכדי לשבר את הטבע צריכים מ' ימים ורביה"ק זי"ע בדברי יואל אומר שודברת ב"ם בגי' מ"ב, כמנין מ"ב ימי השובבים, ואע"פ שהרבה ממ"ב ימי השובבים כבר עברו וחלפו, מ"מ יש מ"ב ימים כמנין ודברת ב"ם עד הזמן של הדר קבלהו בימי אחשוורוש.

ובטוח אני שמי שישמע לקולי שאני מתחנן לפניכם היום כאשר מתחנן אב אל בנו בודאי יצליח לעלות במעלות של תורה ויראת שמים, ונקוט כלל זה בידך שכדי לקנות תורה צריכים מיעוט שיחה, כמבואר במשנה באבות במ"ח דברים התורה נקנית וגו' ואחד מהם במיעוט שיחה.

והקב"ה יעזור שתזכו לישב עוד על התורה ועל העבודה מתוך נחת ושמחה, ותזכו למיעוט שיחה כראוי, ותזכו לעבוד את השי"ת בקדושה ובטהרה, והשי"ת ישמע לתפילתכם עדי נזכה בקרוב שיתקיים בנו הפסוק כימי צאתנו מארץ מצרים אראנו נפלאות ונזכה בקרוב להדר קבלוהו באמת בביאת משיח צדקינו ובהתרוממות קרן התורה וישראל ובהתגלות כבוד שמים עלינו במהרה בימינו אמן.

---

**נ"ב. אחר הדרשה ישב עוה"פ ואמר שכמו שכשבאתי לביהמ"ד היה באמצע הלימוד כך בצאתי כאשר בא כן ילך ותיכף ומיד התחיל בין כותלי ישיבתניו הק' קול תורה אדיר וחזק.**

(נכתב בחפזון ולא הוגה ככל הצורך וכבר אמר נעים זמירות ישראל שגיאות מי יבין).

# מלמדים פון עטרת יואל שטארק ערמוטיגט פונעם גייסטרייכן דרשת חיזוק פון הגה"צ דומ"ץ ור"מ שליט"א דקהלתינו אין מאנטריאל יצ"ו

די חשובע מלמדים פון ת"ת עטרת יואל האבן זיך אנגעשעפט פיל חיזוק און ערמוטיגונג פונעם גייסטרייכן דרשת התחזקות למלמדים וואס איז געזאגט געווארן דורך הגאון הצדיק המפורסם רבי משה מנחם טירנויער שליט"א דומ"ץ ור"מ דקהלתינו הק' אין מאנטריאל יצ"ו, וועלכער איז אויפן איינלאדונג פונעם מנהל הרב ר' מאיר שווארץ שליט"א געקומען אויפטרעטן מיט א דרשה בין כותלי התלמוד תורה פארגאנגענעם דאנערשטאג פרשת שמות העעל"ט.

אומגעפער א האלבע שטונדע האט דער דיין שליט"א אריינגעגאסן אין די מלמדים שיחי' א טל של תחי' מיט גאר הארציגע און טרעפליכע חיזוק רייד, וואס דער רישומא דקדושה באגלייט זיי און וועט זיי אונטערהאלטן א לענגערע צייט אנצוגיין מיט זייער עבודת הקודש מיט א חיות דקדושה און מיט נאמנות ומסירות נפלאה.

צווישן זיינע ווערטער האט דער דיין שליט"א ארויסגעברענגט די אויסטערלישע זכי' וואס א מלמד האט מיט'ן טון אזא עבודת הקודש מחנך צו זיין תינוקות של בית רבן שאין בהם חטא לה' ולתורתו הק', און דערפאר דארף א מלמד כסדר מתפלל זיין צום בוכ"ע ער זאל האבן סייעתא דשמיא אין דעם געביט.

דער דיין שליט"א האט ברייט אויסגעשמועסט דאס וואס דער רבי זי"ע האט כמה פעמים ארויסגעברענגט אז די סיבה פארוואס די אמאליגער יוגענט אין אמעריקא איז ל"ע געגאנגען לטמיון, כאטש עס איז אויך דאן געווען ערליכע רבנים וגדולי ישראל וואס האבן אסאך געטון לטובת הכלל, כשרות און טהרה וכדומה, איז געווען ווייל די רבנים האבן נישט גענוג געטון פאר'ן ערליכן חינוך און צוקונפט פון די קומענדיגע דורות.

אבער ווען דער רבי זי"ע איז אהערגעקומען אויף אמעריקא האט ער תיכף ומיד זיך אריינגעווארפן מיט מסירת נפש מתקן צו זיין דעם ענין און האט אריינגעלייגט אומגעהויערע כוחות מחנך צו זיין די דורות העתידים לתורה וליראת שמים. און ווי הגה"צ הרב פנחס הירשפרונג ז"ל, דער מאנטריאלער רב, האט זיך אמאל אויסגעדרוקט אז ווען דער רבי זי"ע האט געוואלט איבערפלאנצן דאס ארגינאלן חינוך און אידישקייט פון דער אלטער היים אין אמעריקא האט מען אים אפגערעדט, זאגענדיג אז דאס איז א חלום וואס איז אוממעגליך אויסצופירן, למעשה - האט הרב הירשפרונג אויסגעפירט - האט דער רבי זי"ע מיט זיין גרויסן סייעתא דשמיא באוויזן אז דער חלום איז יא פארווירקליכט געווארן, פונקט ווי די חלומות פון יוסף הצדיק זענען מקויים געווארן.

ווי ווייט דער רבי זי"ע האט מטהר געווען און אויסגערייניגט די לופט אין אמעריקא - האט דער דיין שליט"א ווייטער ממשיך געווען - האט אים דער מונקאטשער רבי שליט"א אמאל פארציילט אז עמיצער האט אים געפרעגט אז הגה"ק בעל מנחת אלעזר זצ"ל האט געזאגט אז אידישקייט קען זיך נישט האלטן אין אמעריקא און מ'זעט דאך היינט אז מ'האט ב"ה אויפגעשטעלט הערליכע דורות און ערליכע אידישע שטובער אט דא אויפן אמעריקאנער באדן, האט אים דער מונקאטשער רבי געזאגט אז ווען ער וועט גיין צום רבי'ן דאס נעקסטע מאל וועט איר אים פרעגן די שאלה, ווען ער איז געקומען צום רבי'ן זי"ע, נאך איידער ער האט געקענט פרעגן די שאלה האט אים דער רבי געזאגט "מיר וואוינען נישט אין אמעריקא"...

דער דיין שליט"א האט זיך אפגעשטעלט איבער עטליכע וויכטיגע נקודות וואס די מלמדים וכלי קודש דארפן צו געדענקען צו קענען מצליח זיין מיט זייער הייליגן תפקיד, דאס איז דורך זיס מאכן די תורה הק' און משריש זיין אין די הערצער פון זייערע תלמידים אן אהבה וחשקות התורה ויראת שמים. און דערפאר איז אויך זייער וויכטיג צו פארציילן פאר די קינדער סיפורי צדיקים און ארויסהייבן דאס חשיבות פון אן ערליכער איד, אא"וו. פארשטייט זיך אז מ'דארף צו אנווארענען און אפילו אנשרעקן די קינדער פון יונגווייז אן איבער עניני קדושה ווייל אן דעם איז אוממעגליך צו זיין אן ערליכער איד.

די מלמדים זענען געזעצן צוגעשמידט צו די ערטער במשך די גאנצע צייט וואס דער חשובער דיין שליט"א האט געגאסן פון זיך געווייקטע חסידי'שע רעיונות געפלאכטן מיט דברי חיזוק ומוסר, וועלכעס האט אריינגעבלאזן אין זיי א געוואלדיגער התחזקות. די מלמדים זענען געווען שטארק דאנקבאר פאר'ן מנהל הרב ר' מאיר שליט"א וואס האט געזען אז דער ענין זאל צושטאנד קומען און אויסגעפירט ווערן עצהיו"ט ובכבוד הראוי.



ישיבה תורה ויראה דרבינו יואל ד'סאטמאר

נתייסדה ע"י כ"ק רבינו הק' זי"ע – בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת

עטרת יואל

**הזמנה מלתא היא**

הננו מתכבדים בזה להזמין את כל המלמדים החשובים שליט"א העוסקים במלאכת שמים באמונה ובמסירות יתירה, שהגאון הצדיק

**רבי משה מנחם טירנויער שליט"א**

דומ"ץ דקהלתינו במאנטריאל יצ"ו

ידרוש אי"ה מחר ביום ה' הבעל"ט דברי התחזקות להמלמדים החשובים של הסניפים "עטרת יואל" בשעה 11:00 עה בהיכל של "חדר האוכל".

כל אחד מתבקש להופיע בזמן המוגבל

נא לסדר התלמידים שיעסקו באיזה דבר בעת הדרשה

ויה"ר שיתקדש שם שמים על ידינו ונזכה להעמיד תלמידים הגונים וישרים אכי"ר.

הנהלה



דער מנהל הר"ר מאיר שווארץ הי"ו פון תלמוד תורה עטרת יואל טרעט אויף ביי א כינוס כ"א כסלו פון די תשב"ר מיט די מלמדים שיחיו





# אלפי ילדי תשב"ר ובחורי חמד במוסדותינו הק' לערנען פרייטאג פרשת בשלח י' שבט העעל"ט לע"נ הנה"ח מוה"ר חיים אביגדור ב"ר מרדכי צבי קאהן ז"ל

פרייטאג פרשת בשלח י' שבט האבן די טויזנטער תשב"ר ובחורי חמד במוסדותינו הקדושים אפגעצייכנט דעם ערשטן יארצייט פונעם לעגענדארן פילאנטראפ הרבני הנגיד המרומם, רודף צדקה וחסד, בונה ומקים עולמות של תורה, כהן שדעתו יפה, מוה"ר חיים אביגדור הכהן קאהן ז"ל ראש הקהל דקהלתינו הק' אין מאנטריאל יצ"ו, און די הנהלת הישיבה האט אלס אות הכרת הטוב פאר זיינע לעגאנדארע פעולות נשגבות חובקות זרועות עולם לטובת מוסדותינו הק', געטון אז די תשב"ר זאלן לערנען תורה און זאגן תפילות לע"נ נשמתו בשמי מעל.

עטליכע מנהלים האבן אפילו געהאלטן פאסיגע דרשות זכרון פאר די קינדער ארויסברענגענדיג קוים לדמותו החשובה.

דער מנהל פון בית רחל הרב ר' בנציון פייערווערגער הי"ו, האט במתק לשונו ארומגערעדט פאר די קלענערע תלמידות אז ביז פאר צוואנציג יאר צוריק איז נישט געווען אזא מושג פון צוועלעפטע קלאס, כאטש די מחנכים האבן זיך געבראכן די הענט איבער די ברענעדיגע פראבלעמען פון די אפיסעס, ביז עס געקומען דער חשובער איד ר' חיים אביגדור וואס האט מיט זיין ווארעם הארץ לכל דבר שבקדושה איינגעזען דעם חומר המצב און דורך זיין איניציאטיוו איז דער צוועלעפטע קלאס געגרינדעט געווארן, און ער האט נישט געזשאלעוועט קיין געלט און מיה אז דאס זאל פונקציאנירן אויפן שענסטן און בעסטן אופן.



דער ערשטער לאקאל וואו די 12'טע קלאס האט זיך אנגעהויבן - העיווארד קארנער וויט עווניו

און ער האט געבעטן אז די מיידלעך זאלן זאגן אינאיינעם אז דאס היינטיגע דאווענען זאל זיין לעילוי ולטובת נשמתו בצרור החיים.

הרה"ג ר' משה פריעדמאן שליט"א האט ארויסגעברענגט אז ר' חיים אביגדור האט געהאט א גרויס חלק אינעם אריינברענגען יראת שמים אין די קינדער מיט'ן טון אזויפיל אז מ'זאל לערנען פירוש המילות אין דער תלמוד תורה, און ער האט זיך געלאזט קאסטן גרויסע געלטער דערפאר. אים איז צו פארדאנקן אז טויזנטער אידן האבן אינזין דאס דאווענען און מ'דאווענט מיט מער כוונה און התעוררות הלב.

ער האט מפליא געווען פאר די קינדער דאס אייגנארטיגער אייגנשאפט פון דעם חשובן נפטר ז"ל, נאכזאגענדיג א ווארט פון צדיקים וואס טייטשן דעם פסוק "הון ועושר בביתו וצדקתו עומדת לעד", אז א איד מיט אזא עשירות "הון ועושר בביתו" זאל אויך זיין "וצדקתו עומדת לעד", ער זאל זיין אזא יראת שמים און נישט נאכגיין נאך לוקסוס אדער מותרות דאס איז א געוואלדיגער חידוש.

דא ביי ר' חיים אביגדור איז געווען פונקט פארקערט ער האט אייביג געזארגט מיט אן ערנסקייט וואס נאך מ'קען ער אויפטוען פאר כבוד שמים מיט עסקנות בגוף ובממון. אפגערעדט אז זיין קביעות עתים לתורה איז געווען מיט גאר אויסערגעווענליכע השגות וואס מ'טרעפט זעלטן ביי א בעל הבית וואס פירט אזעלכע פארצווייגטע געשעפטן, און אזוי ווייטער.

אלזא האט הרב ר' משה שליט"א געבעטן די קינדער אז מ'זאל זאגן אינאיינעם די הייליגע תפילה "עלינו לשבח" מיט די טייטש לעילוי נשמתו, נאכדעם האבן די קינדער געזאגט א ספעציעלער יהי רצון אז דער לימוד פירוש המילות זאל זיין א זכות בשביל נשמת ר' חיים אביגדור ע"ה.

דאס זעלבע האט דער געטרייער מלמד הרה"ח ר' אברהם ישעי' ווייס הי"ו ארומגערעדט ביי פרישטאג איבער דעם נאבעלן כאראקטער פון ר' חיים אביגדור ע"ה, ווערטער וואס האט געלאזט אן ערנסטן איינדרוק ביי די קינדער.

ער האט ממליץ געווען אויף ר' חיים אביגדור ע"ה דעם פסוק 'ואברהם זקן בא בימים', אז ער האט אנגעפולט די טעג מיט תורה עבודה ויראת שמים, און אלעס געטון מיט אזא פרישקייט ווי די חז"ל זאגן אז אויף די מטבעות פון אברהם אבינו איז געווען זקן וזקינה מצד אחד ובחור ובתולה מצד אחר, ווייל מ'דארף האבן חיות און פרישקייט ביי עבודת השי"ת אפילו אין די עלטערע יארן.

עקסטער האט ר' אברהם ישעי' ווייס הי"ו שטארק ארויסגעהויבן די חשובע קינדער און אייניקלעך פון ר' חיים אביגדור ז"ל וההולכים בדרכי אבותיהם און זענען ממשיך מיט זיינע פילע לייסטונגען לכל דבר שבקדושה בכלל ולטובת קהלתינו ומוסדותינו הק' בפרט.

אלע קינדער פון גרויס ביז קליין האבן טאקע פאר'ן אנפאנגען לערנען געזאגט דעם פאלגענדן יהי רצון: **יהי"ר שהלימוד שנלמוד היום יהא לעילוי נשמת ר' חיים אביגדור ב"ר מרדכי צבי עליו השלום, תהא נשמתו צרורה בצרור החיים, אמן.**

דער זכות הבל פיהם פון די תינוקות של בית רבן שלא טעמו טעם חטא וועט זיכער זיין א מליץ יושר פאר זיין נשמה בגנזי מרומים, אז ער זאל גיין מעלה מעלה ומהיכל להיכל, עד שיקיצו וירננו שוכני עפר, בביאת משיח צדקינו במהרה בימינו.


ישיבה ומתיבתא
תורה ויראה
דרבינו יואל מסאטמאר
Tel. (718) 963-9260, Ext. #1213 / #1214

United
Talmudical Academy
"Torah V'Yirah"
82 Lee Ave. • Brooklyn, N.Y. 11211

בס"ד

ערש"ק פ' בשלח, י' לחודש שבט, שנת תשע"ב לפ"ק

נא להזכיר היום

בשעת הלימוד לעילוי נשמת

כהן שדעתו יפה, בונה ומקים עולמות של תורה, הרה"ח הנגיד המפואר

מוה"ר חיים אביגדור הכהן קאהן ז"ל

ראש הקהל דקהלתינו הק' בעיר מאנטריאל יצ"ו

ונא לומר קודם הלימוד

יְהִי רָצוֹן, שֶׁהַלִּימּוּד שֶׁנִּלְמוֹד הַיּוֹם, יְהֵא לְעִילּוּי נִשְׁמַת ר' חַיִּים אֲבִיגְדוֹר בֶּן מָרְדְּכַי צְבִי הַכֹּהֵן עָלָיו הַשָּׁלוֹם, וּתְהֵא נִשְׁמָתוֹ צְרוּרָה בִּצְרוֹר הַחַיִּים, אָמֵן:

הנהלת הישיבה


ישיבה ומתיבתא
תורה ויראה
דרבינו יואל מסאטמאר
Tel. (718) 963-9260, Ext. #1213 / #1214

United
Talmudical Academy
"Torah V'Yirah"
82 Lee Ave. • Brooklyn, N.Y. 11211

בס"ד

היינט פרייטאג פרשת בשלח י' שבט תשע"ב לפ"ק

פאלט אויס די ערשטע יארצייט פונעם לעגענדארן פילאנטראפ,

בונה ומקים עולמות של תורה, כהן שדעתו יפה,

הרבני הנגיד המפואר

מוה"ר חיים אביגדור הכהן קאהן ז"ל

ראש הקהל דקהלתינו הק' אין מאנטריאל יצ"ו

מ'בעט די קינדער אינזין צו האבן בשעת'ן לערנען עס זאל זיין לעילוי נשמתו בשמי מעל. אויך זאל מען זאגן פאר מ'הייבט אן צו לערנען:

יְהִי רָצוֹן, שֶׁהַלִּימּוּד שֶׁנִּלְמוֹד הַיּוֹם, יְהֵא לְעִילּוּי נִשְׁמַת ר' חַיִּים אֲבִיגְדוֹר בֶּן מָרְדְּכַי צְבִי הַכֹּהֵן עָלָיו הַשָּׁלוֹם, וּתְהֵא נִשְׁמָתוֹ צְרוּרָה בִּצְרוֹר הַחַיִּים, אָמֵן:

הנהלת הישיבה

# כ"ק אדמו"ר מקאסוב שליט"א זאגט דרשת חיזוק פאר די תלמידי ישיבה קטנה חלק ב'

## קאסובער רבי שליט"א דרוקט אויס זיין התפעלות פאר רבינו שליט"א

פארגאנגענעם מיטוואך פרשת יתרו האבן די תלמידי ישיבה קטנה חלק ב' בהנהלת הרה"ג רבי יעקב יצחק טייטלבוים שליט"א געהאט די זכי' צו ענטפאנגען בכבוד הראוי דעם געהויבענעם גאסט כ"ק אדמו"ר הגה"צ רבי שרגא האגער שליט"א מקאסוב וועלכער האט געוויילט אויף שב"ק קבלת התורה אין וויליאמסבורג, און איז געקומען זאגן א דרשת חיזוק והתעוררות אינעם היכל ביהמ"ד "יצחק מנחם" אינעם מבצר הישיבות אויף ווערלי עווענין.

דער מנהל הרה"ג רבי יעקב יצחק שליט"א האט מיט קורצע פאסיגע ווערטער באגריסט דעם חשובן גאסט דער קאסובער רבי שליט"א, און אים פארבעטן צו זאגן א דרשה פר די בחורי הישיבה. דער קאסובער רבי האט נאנט צו א שעה געהאלטן געשפאנט די בחורים גאר טרעפליכע מוסר געדאנקן און הערליכע רעיונות געאייגנט פאר בחורים בימי בחרותם געפלאכטן מיט התחזקות ללימוד ושקידת התורה ועבודת התפילה.

ער האט ספעציעל שטארק ארויסגעהויבן פאר די בחורים דער פאקט אז די הנהלת הישיבה שטעלט צו פאר זיי אלע גשמיות'דיגע הצטרכות'ער אויפן בעסטן אופן און זארגט פאר זיי אז אלעס זאל קלאפן עצהיו"ט, און דערפאר דערהערט זיך בעסער דער פארלאנג פון די מגידי שיעור צו לערנען און דאווענען, ווייל זיי זארגן באמת פאר זייער וואוילזיין.

דער קאסובער רבי שליט"א איז שטארק באאיינדרוקט געווארן זעענדיג די בא'חנ'טע פרחי בחורי חמד מיט'ן גאנצן חסידיי'שן טעם, און זענען צמאים לדבר ה', און ביינאכט ווען דער דער קאסובער רבי שליט"א האט אפגעשטאט א באזוך ביי רבינו שליט"א האט ער איבערגעגעבן א גרוס פאר'ן רבי'ן שליט"א פון די תלמידי הישיבה קטנה זאגענדיג אז ער איז אויסערגעווענליך נתפעל געווארן צו זען אזעלכע לעכטיגע איידעלע בחורי חמד וואס הארעווען על התורה ועל העבודה און שטרעבן מקבל צו זיין וואס מער.

אויך מאנטאג דערויף ווען דער קאסובער רבי שליט"א האט מנחם אבל געווען ביי הרבני הנגיד החסיד רבי אהרן וויינשטאק שליט"א וואס איז געזעצן שבעה על פטירת אחיו הגדול מוה"ר יהודה ב"ר ישראל ע"ה, האט דער קאסובער רבי שליט"א שטארק ארויסגעהויבן בשבחו פונעם נדיב, וואס האט אפגעקויפט דעם זכות פונעם גאנצן שטאק וואו דער ישיבה קטנה חלק ב' אפטיילונג איז איינקווארטירט, וואספארא זכי' דאס איז צו פאראייביגן דעם נאמען אויף אזא הייליג מקום לזכרון עולם בהיכל ה'.

איבער דעם האט זיך פארצויגן א שמועס ווי לייכט עס איז היינט צוטאגס פאר א בחור צו קענען שטייגן על התורה ועל העבודה אין די בחורי'שע יארן, ווען ער האט צוגעשטעלט פון אלעם גוטן מכל טוב וטוב, א הערליכער בית המדרש מיט אלע ערליי ספרי קודש, נארהאפטיגע מאלצייטן ערב ובוקר וצהרים, און וואס נישט.

אויף דעם האט ר' אהרן שליט"א פארציילט אז אין זיינע צייטן לערנענדיג אין די ישיבה אין פאיע, וועלכער איז געווען א קליין שטעטל, האבן די בחורים געמוזט לערנען אונטער גאר שווערע גשמיות'דיגע אומשטענדן, מ'האט געדארפט עסן 'טעג' ביי די בעלי בתים, און אזוי ווי עס איז נישט געווען גענוג אידן אין שטעטל זענען עטליכע בחורים אפילו געווען געצווינגען צו שלאפן אין גוי'אישע אכסניות. אין קאנטראסט צו היינט ווען עס קעהי"ר דא אזא הרחבה אין דעם שטאנדפונקט, און דעריבער איז פיל גרינגער פאר א בחור וואס האט אן אמת'דיגן רצון צו קענען שטייגן און עוסק צו זיין בתורה ועבודה.

כי הם חיינו ואורך ימינו.





די בחורים הערן זיך צו צו די דרשה פון קאסובער רבי שליט"א

# לאס אנדזשעלעס אונטערן רישומא דקדושה פונעם קורצן באזוך פון כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א, פארגאנגענעם דאנערשטאג ר״ח אדר העעל״ט

## חברי הנהלת המוסדות קומען אהיים שטארק ערמוטיגט פון די אומגעראכטענע הצלחה

**הנגיד החסיד מוה״ר בערל ווייס הי״ו ענטפאנגט די חשובע געסט אין שפיץ פון רבינו שליט״א מיט אן אויסטערלישע הערצה און כבוד - ענגער קבלת פנים מיטוואך שפעט ביינאכט בבית האכסניא - פילצאליגע תושבי העיר שטראמען מיטצוהאלטן א תפילת שחרית ואמירת הלל פון רבי׳ן שליט״א אין ביהמ״ד בית יהודה - שיינער מעמד קבלת פנים וסעודת ר״ח אראנדזשירט דורך מוה״ר בערל הי״ו אין א זאל בהשתתפות פון הונדערטער אידן בראשות גדולי ורבני העיר - התרגשות׳דיגער קבלת פנים אין תלמוד תורה ׳חדר ד׳לאס אנדזשעלעס׳ - דרשת התחזקות פון רבינו שליט״א פאר די תלמידי מתיבתא - אימפאזאנטער סעודת ראש חודש בבית האכסניא פאר קרואי מועד פראמינענטע נגידי העיר - ריזיגע סכומים געשאפן דורך לעגענדארע פילאנטראפן און תומכי תורה**

דער לאס אנדזשעלעס׳ער אידנטום בכלל און ארטיגע תלמידי וחסידי סאטמאר זענען טיף אונטערן געהויבענעם רישומא דקדושה פונעם קורצן באזוך פון כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א, וועלכער האט פארגאנגענעם דאנערשטאג פרשת תרומה ב׳ דראש חודש אדר העעל״ט געווײלט אין לאס אנדזשעלעס אויף בלויז איין טאג צוליב א געלט־אקציע לטובת מוסדותינו הק׳. מאמענטן וואס האט אריינגעבלאזן א גייסטיגן חיות און ערמוטיגונג אין אלע ערליכע אידן חסידים ואנשי מעשה תושבי העיר.

מיטוואך נאכט האט זיך רבינו שליט״א ארויסגעלאזט קיין לאס אנדזשעלעס אויפן איינלאדונג פון הרבני הנגיד החסיד מוה״ר בערל ווייס הי״ו מחשובי אנ״ש, אין באגלייטונג פון אן ענגע חשובע דעלעגאציע פראמינענטע מיטגלידער מראשי וחברי מוסדותינו הק׳, ה״ה, אחיו הגה״צ רבי ליפא שליט״א אבד״ק זענטא, הרה״ח ר׳ משה פריעדמאן שליט״א משב״ק מרן הגה״ק בעל ברך משה זי״ע, הרה״ח ר׳ שאול פערלשטיין שליט״א, און עטליכע מקורבים ונאמני בית רבינו שליט״א.

מיטוואך פארמיטאג איז שוין ארויסגעפארן פון פאראויס הרה״ח ר׳ שמואל טייטלבוים שליט״א משב״ק רבינו שליט״א און מוה״ר אהרן הערש פריינד הי״ו, צוצוגרייטן אלע באדערפענישן אז דער באזוך בכלל און איבערהויפט דער ענגער סעודת ראש חודש ומסיבה לטובת מוסדותינו הק׳ זאל געקרוינט ווערן מיט הצלחה בכבוד הראוי.

דער רבי שליט״א מיט די פמליא זענען אנגעקומען קיין לאס אנדזשעלעס קרוב לחצות לילה, און זענען אפגעווארט געווארן אין לופט פעלד דורך א גרופע פון חסידים וידידים פון לאס אנדזעשעלס, אין שפיץ פונעם בעל אכסניא הנה״ח ר׳ בערל הי״ו, וועלכער האט אריינגעפירט דעם רבי׳ן שליט״א מיט זיין אויטא אין שטאט אריין צו זיין בית וועד לחכמים, וואו דער בעל אכסניא האט צוגעשטעלט א מסיבת לחיים וואס האט אויך געדינט אלס אן ענגער מעמד קבלת פנים לכבוד רבינו שליט״א ופמלייתו.



ר׳ בערל הי״ו ביים לאדענען פערזענליך די גבירים צום מסיבה

אלע געסט זענען פלאצירט געווארן אויפן בעסטן און שענסטן אופן במיטה כסא שולחן ומנורה, אינעם בית וועד לחכמים וסופרים פון הנגיד החסיד מוה״ר בערל שליט״א, זייענדיג א גאון נפלא אין די מידה פון הכנסת אורחים וגמילות חסדים.

### מעמד קבלת פנים וסעודת ר״ח בהשתתפות פון הונדערטער אידן בראשות גדולי ורבני העיר

צומארגענס דאנערשטאג צופרי ב׳ דראש חודש אדר איז דער רבי שליט״א געגאנגען דאווענען אין בית המדרש בית יהודה. דער רבי שליט״א האט פארגעדאווענט הלל לפני התיבה מיט א נעימות און התרוממות הנפש, און מיט תפילת מוסף איז נתכבד געווארן הגה״צ אבד״ק זענטא שליט״א.

נאך שחרית איז פארגעקומען א גאר הערליכער מעמד קבלת פנים וסעודת ראש חודש אין זאל ׳אולם משה גאנץ׳ העכער דאס ביהמ״ד בית יהודא, בהשתתפות קהל רב מחשובי תושבי העיר, וואו עס איז סערווירט געווארן א גאר ברייטע סעודה גדולה כיד המלך, איינגעארדענט דורכן איניציאטיוו פונעם בעל אכסניא הנגיד החסיד ר׳ בערל הי״ו.

אויפן אויבנאן האבן זיך אנגעזעצן די רבני ופרנסי העיר, צווישן זיי הרה״ג רבי אברהם חיים הלברשטאם שליט״א אבד״ק רודניק, און הרה״ג רבי אברהם יושע לעוו שליט״א, און נאך פילע רבני העיר. ספעציעל האט ארויסגעשיינט־ דאס באטייליגונג פון כ״ק אדמו״ר מניקלשבורג שליט״א וואס האט זיך אין יענע טעג געפינען צוגאסט אין לאס אנדזשעלעס. אויך די תלמידי מתיבתא ד׳לאס אנדזשעלעס זענען געקומען מיטהאלטן דעם מעמד קבלת פנים און זענען אריבער געבן שלום פאר׳ן רבי׳ן שליט״א.

דער רבי שליט״א האט זיך נישט געוואשן צו די סעודה אבער ער האט משמיע געווען דברות קודש לכבוד היום, ארומרעדנדיג איבער׳ן גרויסקייט פונעם טאג ר״ח אדר, אריינפלעכטנדיג דברי התחזקות והתעוררות פון וואס די ארטיגע אידן האבן זיך דערקוויקט מיט דארשט כמים קרים על נפש עיפה. מיט׳ן זינגן ׳ברכי נפשי׳ איז מכובד געווארן הרה״ח ר׳ אהרן הערש פריינד הי״ו, וועלכער האט בקולו הערב מהנה געווען דעם עולם בשירה וזמרה.

נאכן קבלת פנים איז דער רבי שליט״א אהיים אין די אכסניא בבית הנה״ח ר׳ בערל הי״ו וואו דער רבי שליט״א האט טועם געווען פת שחרית צוזאמען מיט׳ן בעל אכסניא הי״ו. דער רבי שליט״א האט דערביי א לענגערע צייט פארברענגט בסוד שיח מיט ר׳ בערל הי״ו.

שפעטער איז דער רבי שליט״א אינאיינעם מיט אחיו זענטער רב שליט״א געגאנגען אפגעבן א ביקור נימוס בביתו פון ש״ב הרה״ג רבי אברהם חיים הלברשטאם אבד״ק רודניק. עס האט זיך דארט פארצויגן א גאר הערליכער שמועס בדברי תורה וסיפורי צדיקים, און גלייכצייטיג איז ארומגעשמועסט געווארן שיינע זכרונות און עראינערונגען איבער די סיגוטער משפחה.

# קבלת פנים אין תלמוד תורה 'חדר ד'לאס אנדזשעלעס'

בשעה 2:30 נאכמיטאג איז דער רבי שליט"א מיט די פמליא געגאנגען באזוכן אין ת"ת חדר ד'לאס אנדזשעלעס, וואו עס איז אויך מיטגעקומען ש"ב הרה"ג רבי אברהם יושע לעוו שליט"א ממייסדי התלמוד תורה. דער רבי שליט"א איז ענטפאנגען געווארן מיט גרויס יראת כבוד דורך די חשובע מלמדים און טייערע צאן קדשים.

צום ערשט האט מען געדאווענט מנחה אין בית המדרש פון דער תלמוד תורה ברוב עם הדרך מלך. נאך מנחה איז פארגעקומען א קבלת פנים פאר'ן רבי'ן שליט"א וואו די קינדער האבן געזינגען פאסיגע ניגוני שמחה לכבוד המאורע, און דער חשובער מנהל הרב ר' שמחה אוללמאן הי"ו האט דערביי מיט גרויס התרגשות באגריסט דעם רבי'ן שליט"א און האט דערביי פארבעטן דעם רבי'ן שליט"א צו זאגן דברות קודש, זאגענדיג אז עס א גרויסע שמחה און כבוד אז דער סאטמארער רב שליט"א דער ממלא מקום און ממשיך דרכם פון רבי'ן זי"ע און פון אביו מרן בעל ברך משה זי"ע וואס מיר אלע געדענקן ווען ער איז עטליכע מאל געווען צוגאסט אין לאס אנדזשעלעס, וועט זאגן דברי ברכה פאר די קינדער.

דער רבי שליט"א האט ביי זיינע דברות קודש ארומגערעדט איבער'ן חשיבות פון מלמדי תינוקות, אנהייבנדיג מיט די גמרא ברם זכור אותו האיש לטוב ויהושע בן גמלא שמו שאלמלא הוא נשתכח תורה מישראל, אז רבי יהושע בן גמלא האט אראפגעברענגט אן השפעה ממעל, אז די מלמדים אין יעדן שטאט זאלן האבן דעם זעלבן כוח און השפעה צו קענען אריינברענגען אין די קינדער די קדושת העבודה און יראת שמים און התעוררות הלב, פונקט אזוי ווי די כהנים בעבודתם האבן געטון אין בית המקדש.

און דער רבי ארויסגעברענגט פאר די קינדער, אז איצט ווען דער ביהמ"ק שטייט נישט איז יעדע תלמוד תורה אדער ישיבה בבחינת בית המקדש, און דעריבער דארפן די קינדער זען זיך אויפצופירן בקדושה וטהרה, נזהר זיין בשמירת הדיבור, שמירת הלשון, שמירת המחשבה, שמירת עינים, און לערנען די תורה הק' מיט אן התמדה ובשקידה, למען תלמד ליראה את אלוקיך.

נאך די דברות קודש האט הנה"ח ר' בערל הי"ו גאר הארציג באגריסט דעם רבי'ן שליט"א. ער האט ארויסגעברענגט אז ער איז געווען פון די תלמידים פון די ערשטע היימישע תלמוד תורה 'תורת אמת', און האט אין קורצן פארציילט די השתלשלות פונעם גרינדונג פון יענע תלמוד תורה וואס איז געווען דער גרינדשטיין צום היינטיגן חדר ד'לאס אנדזשעלעס וואס איז דער עתיד פאר'ן ערליכן חינוך און המשכת הדורות דאהי אין לאס אנדזשעלעס יצ"ו.

נאכדעם זענען אלע קינדער אריבער כבני מרון און דער רבי שליט"א האט געטיילט שיריים פאר אלע מלמדים און תשב"ר, און דערנאך איז דער רבי שליט"א ארויסבאגלייט געווארן מיט גרויס כבוד פון די תלמוד תורה.

# באזוך און דרשת התחזקות אין מתיבתא ד'לאס אנדזשעלעס

פון דארט איז דער רבי שליט"א געגאנגען באזוכן די מתיבתא ד'לאס אנדזשעלעס, וואו בנו היקר פון הנה"ח ר' בערל הי"ו הרה"ג ר' יואל שליט"א איז איינער פון די ראשי ישיבה. ביים באזוך אין מתיבתא האט זיך אויך באטייליגט הרה"ג רבי יוחנן העניג שליט"א ראש הכולל יחיאל יהודה.

דער רבי שליט"א האט משמיע געווען דברי התחזקות פאר די תלמידי המתיבתא, זיך שטעלנדיג אויף וואס די חז"ל זאגן 'משנכנס אדר מרבין בשמחה' אז די חז"ל זאגן אונז טאקע אז מ'דארף מרבה זיין בשמחה, אבער מיט וואס צו פארמערן די שמחה דאס זאגן זיי אונז נישט.

האט דער רבי נאכגעזאגט פון חתם סופר אז מ'טרעפט צוויי ערליי שמחות ביים טאן מצות ומעש"ט, ווען מ'פאנגט אן צו טון די מצוה, ווען מ'איז מחנך א נייע זאך, און ווען מ'ענדיגט אזאך ווי א סיום מסכתא וכדומה, אבער ביידע זענען נישט קיין שלימות'דיגע שמחה, ווייל ווען מ'הייבט אן צו טאן א מצוה איז פשט אז ביז יעצט האט מען גארנישט געטון, און ווען מ'ענדיגט א מסכתא איז די שמחה נישט בשלימות ווייל די שאלה איז וואס מ'גייט טון ווייטער. ביים בנין המשכן איז אבער יא געווען א שמחה בשלימות ביז יעצט האט מען געבויט דעם משכן און פון יעצט און ווייטער גייט מען אנפאנגען טון די עבודה.



דער ספה"ק 'דברי יואל' פון מרן רביה"ק זי"ע

האט דער רבי שליט"א מסביר געווען אז ראש חודש אדר איז אויך אין די בחינה. עס איז א סיום אויף די עבודת הקרבנות פונעם פריערדיגן יאר, ווי די גמרא זאגט באחד באדר משמיעין על השקלים, און אן התחלה אויפן קומענדיגן יאר ווייל מ'האט געדארפט תורם זיין דעם מחצית השקל פאר די קרבנות פונעם נעקסטן יאר, היוצא לנו אז ראש חודש אדר איז א זמן וואס א בחור דארף זיך פארנעמען מיט א קבלה צו לערנען נאך פלייסיגער מער ווי אגאנץ יאר און זען אויסצונוצן די צייט ווי עס ברויך צו זיין.

דער רבי שליט"א האט דערביי אויסגעדריקט זיין באגייסטערונג צו זען אין לאס אנדזשעלעס אזעלכע טייערע חסידי'שע בחורים, מיט לעבטיגע פענימער אשר הכרת פניהם ענתה בהם כי זרע ברך ה' המה, און ער האט זיי אנגעוואונטשן גאר ווארעמע ברכות לרוב.

דערנאך איז דער רבי שליט"א צוריקגעגאנגען צו די אכסניא וואו ער האט במשך פון עטליכע שטונדן אויפגענומען תושבי העיר, צווישן זיי פילע נגידים ותומכים, וועלכע זענען זיך געקומען געזעגענען ביי רבינו שליט"א בקו"פ. דער שטראם האט אנגעהאלטן ביז בערך ניין אזייגער אווענט ווען מ'האט מפסיק געווען צו דאווענען מעריב בבית האכסניא.

# אימפאזאנטער סעודת ראש חודש בבית האכסניא

תפילת מעריב האט געדאווענט פאר'ן עמוד הרה"ג אבד"ק רודניק שליט"א לעילוי נשמת זקינו הגה"ק רבי ברוכ'ל מגארליץ זצוק"ל, וואס דער יאצייט פאלט אויס ב' דראש חודש אדר.

נאך מעריב האט זיך דער רבי שליט"א געוואשן צו די סעודת ראש חודש וועלכער איז געווען געווידמעט לטובת מוסדותינו הק' אין וויליאמסבורג, און הנה"ח ר' בערל הי"ו האט ספעציעל געלאדענט אן ענגע צאל קרואי מועד, בעלי בתי'שע אידן פון שטאט, וועלכע האבן געהאט די זכי' מיטצוהאלטן די סעודה צוזאמען מיט רבינו שליט"א. אויך דא האט דער רבי שליט"א משמיע געווען גאר טרעפליכע דברות קודש לכבוד היום.

**בשעת די סעודה האט דער רבי שליט"א איבערגעגעבן פאר'ן בעל אכסניא הנה"ח ר' בערל שליט"א א גאר טייערע ווערדפולע מתנה, דעם ערשטן באנד פונעם ספה"ק דברי יואל וואס מרן רבינו הקוה"ט זי"ע האט דערין געלערנט לאנגע יארן מדי שבוע בשבוע. בשם דעם רבי'ן שליט"א האט מוה"ר אהרן הערש פריינד הי"ו פארגעליינט א בריוו פון הרה"ח ר' מאיר דייטש שליט"א ווי ער באשטעטיגט בחתימת ידו דאס חשיבות און היסטארישקייט פון דעם הייליגן ספר דברי יואל.**

רבינו שליט"א האט אינעם ספר אויך צוגעשריבן בכתי"ק עטליכע שורות לכבודו פון הנה"ח ר' בערל הי"ו און לכבוד אביו הרבני הנגיד החסיד ר' משה ז"ל, וועלכער איז געווען מקושר בקשרי נימין ובעבותות אהבה מיט מרן רבינו הקדוש זי"ע און מיט אביו מרן הגה"ק בעל ברך משה זי"ע. נאכדעם האט דער רבי מכבד געווען דעם בעל אכסניא מיט ברכהמ"ז על הכוס אבער ר' בערל האט דאס צוריקגעגעבן פאר רבינו שליט"א.

עס איז שוין געווען גאר שפעט בייינאכט ווען הנה"ח ר' בערל הי"ו האט ארויסגעפירט דעם רבי'ן שליט"א צום לופט פעלד, פון וואו דער רבי שליט"א מיט די גאנצע פמליא זענען אפגעפלויגן צוריק קיין ניו יארק, וואו זיי זענען בשעטו"מ אנגעקומען אין קענעדי לופט פעלד פרייטאג אינדערפרי.

דער געהויבענער באזוך אין לאס אנדזשעלעס נאך לאנגע יארן וואס דער רבי שליט"א און מרן הגה"ק בעל ברך משה זי"ע זענען נישט דארט געווען, האט צוריק אנגעצינדן א פלאם ביי די קינדער און אייניקלעך פון פילע תלמידי וחסידי סאטמאר, וועלכע האבן זיך במשך די יארן דארטן איינגעגלידערט זיך ווייטער צו וועלן האלטן מקושר זיין באילני דחיי און זיך פירן אויף די הייליגע וועגן המקובלת לנו ע"י מרן רבינו הקדוש זי"ע הנמשכת לנו ע"י כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א עד ביאת הגואל, און וועט גלייכצייטיג זיין א פינאנציעלע באזע פון וואו עס וועט בעזהשי"ת קומען שטיצע און הילף פאר'ן אויפהאלטונג פון אונזערע הייליגע מוסדות אין וויליאמסבורג.

# בליץ באזון פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א אין מיאמי פלארידא לטובת מוסדותינו הק'

פארגאנגענעם זונטאג פרשת תרומה פארמיטאג איז דער רבי שליט"א געפארן אויף א בליץ-באזוך קיין מיאמי פלארידא, אין באגלייטונג פון אן ענגע דעלעגאציע צווישן זיי די גבאים ומשמשי בקודש הרה"ח ר' משה פריעדמאן שליט"א און הרה"ח ר' שמואל טייטלבוים שליט"א, און צוויי מיטגלידער פון מוסדותינו הקדושים אין וויליאמסבורג, הרבני הנגיד המפואר ר' אשר אלימלך מייזעלס הי"ו און מוה"ר אהרן הערש פריינד הי"ו.

דער ציל פון דעם קורצן באזוך איז געווען א גאר וויכטיגע געלט-אקציע אויפצטרייבן פאנדן, לטובת א לאנג-פארצויגענער לעגאלער אנגעלעגנהייט אינערהאלב מוסדות הקדושים וואס דארף אין די טעג ווערן געשליכטעט פאר א גרעסערע געלט-סומע.

אנקומענדיג אין לופט פעלד בערך צוויי אזיגער איז דער רבי שליט"א מיט די דעלעגאציע תיכף אריינגעפארן קיין מיאמי, אין די קאר פון הרה"ג ר' ישראל אפרתי שליט"א מגי"ש בביהמ"ד בית ישעי' מחשובי אנ"ש אין מיאמי יצ"ו.

במשך די שעות ווײַלענדיג אין מיאמי האט דער רבי שליט"א באזוכט ביי פילע נגידים און פילאנטראפן, צווישן אנדערע האט דער רבי שליט"א אפגעגעבן ביקורי כבוד ביי האחים הנגידים החשובים מוה"ר אהרן און מוה"ר מנחם צבי וויינשטאק הי"ו, הרבני הנגיד המפואר ר' שלמה הייזלער הי"ו, הרבני הנגיד המפואר רבי יעקב כהנא הי"ו ראש הקהל דקהלתינו הק', הרבני הנגיד המפואר מוה"ר אליעזר קעסטנבוים הי"ו, און הרבני הנגיד המפואר ר' מאיר בראנד הי"ו. און ביי הרבני החסיד המפורסם רבי עזריאל גליק שליט"א משב"ק רבינו הקוה"ט זי"ע, וואו עס איז אויך געווען אנוועזנד זיין איידעם הרה"ג רבי נפתלי בלומענפעלד שליט"א מנהל בישיבה גדולה.

ביי יעדן באזונדער האט מען א לענגערע צייט שיין פארברענגט בדברי תורה וסיפורי צדיקים אויף גאר אן איינגענעמען אופן. באזונדער איז דער רבי שליט"א מיט גרויס התרגשות געזעצן א לענגערע צייט ביי הרבני הנגיד מוה"ר אליעזר קעסטנבוים הי"ו, זיך דערמאנענדיג מיט נאסטאלגיע ווארעמע גייסטרייכע זכרונות פון די יארן וואס דער דירה האט געדינט אלס דער ביתו נאוה קודש פון מרן רבינו הגה"ק זי"ע בעל ברך משה.

דער רבי שליט"א איז במשך פונעם טאג ארומגעפירט געווארן אין די אויטא פון העסקן מוה"ר דוד יודא שווארץ הי"ו, וועלכער האט זיך אפגעגעבן מיט'ן אראנזשירן אלע איינצלהייטן און באדערפענישן וואס האט זיך אויסגעפעלט צום הצלחה פונעם באזוך.

צו תפילת מנחה וערבית איז דער רבי שליט"א אין שפיץ פון די דעלעגאציע געגאנגען דאווענען אין קערעסטירער בית המדרש, וואו עס איז צוזאמגעלאפן אן עולם פון העכער 150 חסידים ואנשי מעשה, צווישן זיי חשובי זקני קהלתינו הק', פון די גאנצע געגנט, וועלכע האבן געוואלט אריינכאפן דער געלעגנהייט מיט צו דאווענען במחיצת מרן רבינו שליט"א. עס האט זיך געשפירט אין די לופט א יום טוב'דיגער אטמאספער, פון כל זמן שהצדיק בעיר היא הודה זיוה והדרה.

צווישן מנחה מעריב האט באגריסט דעם רבי'ן שליט"א הרה"ג ר' ניסן פריעדמאן שליט"א אן ארטיגער ראש הכולל, וועלכער האט בשם כל הקהל הקודש ארויסגעברענגט רגשי לבבם אז מ'האט די זכי' צו ענטפאנגען דעם מנהיג של רבבות אלפי ישראל רבינו שליט"א, ערקלערנדיג וואספארא טיפער רישומא דקדושה און התחזקות אזא באזוך לאזט איבער פאר'ן היימישן ציבור וואס וואוינט אגאנץ יאר אין מיאמי.

נאך מעריב האט זיך ווי נאטורליך פארמירט א לאנגע ליניע אפצוגעבן שלום פאר'ן רבי'ן שליט"א, ואף היא ענה כנגד המברכים באנפין נהירין.

ביי ענדע פונעם באזוך איידער רבי שליט"א האט זיך צוריקגעקערט קיין ניו יארק, איז דער רבי שליט"א זיך געגאנגען אפרוען אויף א ווילע אין די דירה פון הרבני הנגיד המפואר ר' שלמה מיכל ראזנער הי"ו מראשי קהלתינו הק' אין קרית יואל, וועלכער איז געווארן אראנזשירט דור בנו הרה"ח ר' משה דוד הי"ו חבר הנהלת המוסדות, וואו עס איז געווארן צוגעשטעלט א ברייטער סעודת ערב פאר אלע געסט דורך הרה"ח ר' יעקב יצחק ב"ר שמשון גאלדשטיין הי"ו.

שפעט ביינאכט האט דער רבי שליט"א מיט די גאנצע דעלעגאציע געלאנדעט אין ניו יארק, האבנדיג ערררייכט א געוואלדיגע הצלחה למעלה מן המשוער אויפטרייבנדיג גאר א גרויסן סכום פאר דעם צוועק.



מרן הברך משה זצ"ל ביים אהיימקומען פון תפילת שחרית אין מיאמי



הרב ניסן פריעדמאן באגריסט דעם רבי'ן שליט"א אינעם קערעסטירער ביהמ"ד

# לאנטש אינספעקציע אין די מוסדות אריבער מיט גרויס הצלחה



דינסטאג פרשת יתרו העעל"ט איז פארגעקומען א גאר גרינטליכער לאנטש אינספעקציע פון די רעגירונג, אן אונטערזוכונג וואס קומט פאר איינמאל אין א צייט אפשניט פון עטליכע יאר, ווען שטאטישע באאמטע קומען זיך אומקוקן אויף די מוסדות אויף וואס די רעגירונג באצאלט די שטאטישע לאנטש פראגראמען.

וואכן לאנג בעפאר האט מען צוגעגרייט די טויזנטער קינדער בלעיה"ר צום אינספעקציע אז זיי זאלן זיצן און עסן מיט גרויס דרך ארץ, און מאכן דעם ריכטיגן איינדרוק אויף די שטאטישע באהערדע, עס זאל דערפון ארויסקומען א קידוש השם און נישט ח"ו דאס פארקערטע.

אלע מלמדים לערערינס און מחנכות און מנהלים זענען איינגעשפאנט געווארן פאר דעם צוועק און זענען אלע געווען גוט צוגעגרייט צום ערווארטעטן טאג פונעם אונטערזוכונג.

ווי דער לאנטש דעפארטמענט געט איבער איז דער אונטערזוכונג דורך מיט אן אויסטערלישן סוקסעס און דערפאלג. די קינדער זענען געזעצן מיט גרויס דרך ארץ, די מלמדים און לערערינס האבן סערווירט דאס עסן מיט גרויס איבערגעגעבנקייט און לויט די רעגירונגס פארלאנגטע פארשריפטן און סטאנדארטן, און אלעס איז דורך בשלום ובשלוה.

ביים שלוס רעדע וואס דער אינספעקטאר האט געגעבן אין קאנפערענץ רום פון די מוסדות, האט ער נישט באהאלטן זיין שטארקער התפעלות פון דעם ריזיגן צאל תלמידים ותלמידות בליעה"ר, וואס האט האט אים שטארק באנומען, און דער זעלטענער איינדרוק וואס דאס האט אויף אים געלאזט האט באשיינפערלעך ארויסגעברענגט דעם 'וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך ויראו ממך'.




# יערליכע באזוכן פון שליחי מוסדותינו הק' אין פלארידא און טאראנטא

אין די ווינטער חדשים ווען עס געפינען זיך הונדערטער עלטערע אידן צווישן זיי פילע נדיבי ותומכי המוסדות אויף דאטשע אינעם ווארעמען מיאמי פלארידא וואו זיי קענען אנגיין מיט זייער טעגליכן סדר היום אומגעשטערט, שיקט די הנהלת הישיבה אראפ אירע שליחים, עטליכע מאל דורכאויס דעם ווינטער, צו באזוכן די טייערע עלטערן אידן אונזערע נדיבי ותומכי המוסדות.

אויך היי-יאר איז א גרופע שליחי המוסדות אין שפיץ פון הגה"צ אבד"ק זענטא שליט"א געפארן אפשטאטן א באזוך אין פלארידא, וואו זיי האבן זיך באגעגנט מיט די חשובע נדיבי עם און פילאנטראפן, וועלכע האבן זיך זייער געפרייט צו זייער אנוועזנהייט, און האבן שטארק הנאה געהאט אז די הנהלת הישיבה האט זיי אויך אינזין אפילו אין די וואכן וואס זיי געפינען זיך אויף אפרוה.

דער ציל פון דעם וויזיט אין מיאמי איז אויך געווען צו באארבייטן די נגידי עם זיך אנצושליסן מיט נדבות פאר'ן בנין בית רחל החדש, וואס ווערט איצט אויפגעבויט לשם ולתפארת בתוככי עיר וויליאמסבורג.

אין אן אנדערע נייעס איז פאראגנגענעם מיטוואך בשלח אפגעפלויגן א דעלעגאציע פון די מוסדות קיין טאראנטא, צו שאפן געלט פאר מוסדותינו הק' וואס פלאגט זיך מיט דעם אסטראנאמיש הויכן בודזשעט פון העכער דרייסיג מיליאן דאלאר. שוין די לעצטע פאר יאר וואס די הנהלת הישיבה שיקט אראפ זייערע שליחים קיין טאראנטא צו שאפן געלט פאר אונזערע ברייט-פארצווייגטע מוסדות.

די דעלעגאציע, הרב ר' שלמה יעקב געלבמאן שליט"א מגדולי עסקני מוסדותינו הק' און מוה"ר אהרן הערש פריינד הי"ו חבר וועד הפועל, האבן במשך די צוויי טעג וואס זיי האבן געוויילט אין טאראנטא באזוכט ביי עטליכע נגידי העיר, ובתוכם הרבני הנגיד המפואר מוה"ר אברהם שמואל גראס הי"ו מגדולי תומכי המוסדות.

די הנהלת הישיבה טוט אויסדרוקן א ספעציעלן דאנק פאר די חשובע עסקנים אין טאראנטא מוה"ר מרדכי צבי פערל הי"ו מחשובי אנ"ש בעיר טאראנטא, וואס אדאנק זיין הילף איז דער היי-יעריגער ארטיגער באזוך אויך געקרוינט געווארן מיט א געוואלדיגער סוקסעס.

## ענבי הגפן בענבי הגפן

בשיר ושבח לחי העולמים, נוחיל בשיר ורננים, ובקול רנה ותודה, נרימה קול תרועה, ונברך בזה ברכת מזלא טבא, משמי מרומא עילאה, קדם ידידינו היקר, נודע בשערים, במדותיו התרומיות והיקרים, איש חי ורב פעלים, וכביר המעש, נפשו אותה לעמוד לימין מוסדותינו הקדושה ויעש, ברוחו פי שנים, אהבת תורה ויראת שמים, יקר הערך, ברוך ומבורך, עומד תמיד הכן לעזור לזולתו, ברוך משבחים לעומתו, כבוד שמו תפארתו, ה"ה

### מוה"ר יוסף מרדכי ווינער הי"ו

מצוות העובדים המסורים בלו"נ ובנאמנות למען מוסדותינו הקדושים

לרגל השמחה הגדולה אשר במעונו שורה בהחיתון שנעשו יפות עם בנו
הבחור החתן תמים למעלות רמות, מו"מ בתורה ויראה כמר יואל ברוך נ"י
ממצויני ישיבתינו הק'

עב"ג בת הרבני המפואר, מוכתר בכל תואר, עוסק בלי ליאות למען מוסדותינו הקדושים

### מוה"ר מיכל וויינגארטן הי"ו

מענעדזשער בבנין התלמוד תורה טרופ עווניו, ומנאמני מרן הגה"ק בעל ברך משה זי"ע

ותערב לד' עתירתינו, שבורא עולם בקנין ישלים זה הבנין, והזיווג יעלה יפה יפה לתפארת כל בית ישראל, יתן ה' ויראו רב תענוג ונחת דקדושה במדה גדושה, רב ברכות ושובע שמחות, רב נחת, כגפן פורחת, מכל יוצ"ח זרע ברך ה', בבריות גופא ונהורא מעליא, ומשמים ממעל יוסיפו להם רב אונים ואמיץ כח, להרבות פעלים לתורה ולתעודה, בחדוות ימים ושנות עולמים, וזכות הבל פיהם של תשב"ר יגן בעדם, בכל משאלות לבבם, עדי נזכה לעלות לציון ברננים, ומלכינו בראשינו, במהרה בימינו אמן.



# ברכת מזל טוב

ענבי הגפן בענבי הגפן דבר נאה ומתקבל





## לידידינו היקרים הי"ו שהשמחה במעונם

להרב הגאון המפורסם מעוז ומגדול, מרביץ תורה לבחורי חמד, שמו מפארים בהילולים ותוארים
הרה"ג רבי **יעקב יצחק טייטלבוים** שליט"א
מנהל רוחני בישיבה קטנה ח"ב
**לרגל אירוסי בנו הבה"ח נ"י למזל טוב**

להרב הגאון המפורסם מעוז ומגדול, מרביץ תורה לבחורי חמד, שמו מפארים בהילולים ותוארים
הרה"ג רבי **שמעון ישראל מייזליש** שליט"א
מנהל רוחני בישיבה קטנה ח"ג
**לרגל נשואי בנו הבה"ח אהרן נ"י למזל טוב**

להרב החסיד נודע לשם ולתהלה, העומד בראש הבית חינוך לבנות, לחנכם ע"ד ישראל סבא
הרב ר' **בנציון פייערווערגער** שליט"א
מנהל בבית רחל דרבינו יואל
**לרגל אירוסי בתו שתחי' למזל טוב**

להרבני הנגיד המפואר, יפה פרי תואר, רודף צדקה וחסד,
מוה"ר **אשר אלימלך מייזעלס** הי"ו
חבר הנהלת מוסדות הק'
**לרגל אירוסי בנו הבה"ח נ"ו למזל טוב**

להרבני הנגיד המפואר, יפה פרי תואר, רודף צדקה וחסד,
מוה"ר **שמשון מארמארשטיין** הי"ו
חבר הנהלת מוסדותינו הק'
**לרגל נשואי בתו שתחי' למז"ט** עב"ג הבה"ח **אברהם יצחק יודא** נ"ו
בן הרבני החשוב המפואר, יפה פרי תואר, רודף צדקה וחסד
מוה"ר **אהרן גבריאל הויער** הי"ו - מתומכי מוסדותינו הק'

להרבני הנגיד המפואר, יפה פרי תואר, רודף צדקה וחסד,
מוה"ר **אברהם בער יאקאבאוויטש** הי"ו
יו"ר וועד הפועל שע"י קהלתינו ומגדולי תומכי מוסדותינו הק'
**לרגל נישואי בנו הבה"ח נחום נ"י למזל טוב**

להרבני הנגיד המפואר, יפה פרי תואר, רודף צדקה וחסד,
מוה"ר **אברהם ישעי' קאהן** הי"ו
מגדולי תומכי מוסדותינו הק'
**לרגל נישואי בתו שתחי' למזל טוב**

להרבני הנגיד המפואר, יפה פרי תואר, רודף צדקה וחסד,
מוה"ר **משה שטיינמעץ** הי"ו
מגדולי תומכי מוסדותינו הק'
**לרגל נישואי בנו הבה"ח נ"י למזל טוב**

להרבני הנגיד המפואר, יפה פרי תואר, רודף צדקה וחסד,
מוה"ר **נחמן סטרולאוויטש** הי"ו
מגדולי תומכי מוסדותינו הק'
**לרגל נישואי בנו הבה"ח ני"ו למזל טוב**

להרבני הנגיד המפואר, יפה פרי תואר, רודף צדקה וחסד,
מוה"ר **יוסף שווימער** הי"ו
מגדולי תומכי מוסדותינו הק'
**לרגל נישואי בתו שתחי' למזל טוב**

להרבני הנגיד המפואר, יפה פרי תואר, רודף צדקה וחסד,
מוה"ר **חיים אלי' בערגער** הי"ו
מגדולי תומכי מוסדותינו הק'
**לרגל נישואי בתו שתחי' למזל טוב**

להרבני היקר המפואר, איש האשכולות, רודף צדקה וחסד,
מוה"ר **אהרן פריעדמאן** הי"ו
מעורכי העיתון 'דער איד' העומד לימינינו בכל מה דאפשר
**לרגל נישואי בתו שתחי' למזל טוב**

להרבני היקר המפואר, יפה פרי תואר, רודף צדקה וחסד,
מוה"ר **ישראל בער האלצער** הי"ו
מצוות העובדים בהאפיס של ישיבה גדולה
**לרגל אירוסי בתו שתחי' למזל טוב**

להרבני היקר המפואר, יפה פרי תואר, רודף צדקה וחסד,
מוה"ר **זלמן לייב פעלדמאן** הי"ו
משמש דקהלתינו הק' ומגדולי עסקני המוסדות
**לרגל הולדת בנו למז"ט ולהכניסו בבריתו של אאע"ה**

להרבני היקר המפואר, יפה פרי תואר, רודף צדקה וחסד,
מוה"ר **ישראל הערשקאוויטש** הי"ו
מלמד דרדקי - ומגדולי עסקני מוסדותינו הק'
**לרגל נישואי בתו שתחי' למזל טוב**

להרבני היקר המפואר, יפה פרי תואר, רודף צדקה וחסד,
מוה"ר **משה לויפער** הי"ו
טראנספארטאציע מענעדזשער במוסדותינו הק'
**לרגל אירוסי בנו הבה"ח נ"י למזל טוב**

להרבני היקר המפואר, יפה פרי תואר, רודף צדקה וחסד,
מוה"ר **אהרן הלוי מאנדל** הי"ו
מצוות העובדים בהאפיס של מוסדותינו הק'
**לרגל הולדת בנו נ"י למז"ט**
**ולהכניסו בבריתו של אברהם אבינו**

להאברך היקר המפואר, יפה פרי תואר, רודף צדקה וחסד,
מוה"ר **בנימין אליעזר גוטמאן** הי"ו
מצוות העובדים בהאפיס של מוסדותינו הק'
**לרגל הולדת בתו שתחי' למזל טוב**

להאברך היקר המפואר, יפה פרי תואר, מושך בעט סופר מהיר,
מוה"ר **יצחק פריעד** הי"ו
העומד לימינינו בכל עת ועונה בכשרונותיו הברוכים
**לרגל הולדת בנו נ"י למז"ט**
**ולהכניסו בבריתו של אברהם אבינו**

להאברך היקר המפואר, יפה פרי תואר, רודף צדקה וחסד,
מוה"ר **משה אהרן לאנדא** הי"ו
מצוות העובדים בהאפיס של מוסדותינו הק'
**לרגל הולדת בתו שתחי' למזל טוב**


Sponsored By:
competent NURSING
David Paskesz
President
1279 50th Street
Brooklyn, NY 11219
Tel: 718-431-8988
Fax: 718-431-8598
info@competentnursing.com
www.competentnursing.com


סימן טוב ומזל טוב יהא לנו ולכל ישראל

**יה"ר שיזכו לראות רב תענוג ונחת דקדושה מכל יוצ"ח**
**הון ועושר בביתם וצדקתם עומדת לעד מעתה ועד עולם**

במהרה בזכות משאלותינו במדה טובת ישועה ורחמים